בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

בסעודת

## ערב יום כיפור תשי"ד

**וְעַל זֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ בְּאֹמְרִים ה' אֶחָד**

• אנו מקבלין עול מלכות שמים "עַל דַּעַת" הצדיקים ובעלי השגה הקודמים • חשיבות קבלת עול מלכות שמים אפילו באיש פשוט • המשיגים גדלות הבורא נעשו בטלים במציאות, בשעת קריאת שמע ותפלה • בכח שזוכרים העבודה ויחוד ה' של הצדיקים מתעלה גם עבודתינו ומצטרף יחד עמהם • שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד צריך להיות תמיד במחשבה • בשעת הגאולה יֶחֱזוּ מה שפעלו תפילות ישראל שבכל הדורות • כל ההתחזקות שלנו הוא ע"י התקשרות לצדיקים הקודמים • בצירוף עבודתינו לצדיקים הקודמים, יש כח לעורר רַחֲמֵי שָׁמַיִם על הגאולה •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"א לפ"ק

ערב יום כיפור תשי"ד - קסב ◆ מוצאי יום כיפור תשי"ד - קסג

KolSatmar.com

**לשון קדשו - קונטרס קסב**

(**22** מינוט) **כמעט קלאָר**

★ ★ ★ ☆ ☆

יצא לאור ע״י

## מערכת לשון קדשו

צו מנדב זיין לרגל א שמחה אדער א יארצייט רופט: 1-514-585-3040 / 1-718-388-5519

---

**צענטראלע נומער:**

# 929-522-1515

ארץ ישראל **072-3275205** מאנטריאל **438-797-0770** ענגלאנד **0330-350-3110**

**צו הערן די רעקארדינג:** דרוק **#1**, דערנאך קונטרס נומער **162**

איר קענט אויך לאזן הודעות הערות ותיקונים, און מנדב זיין

מען קען אויך הערן די רעקארדינגס:

ניו יארק **718-298-4641** ארץ ישראל **072-3333419**

ערב יום כיפור תשי״ד # 314.1→6→16

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרה״ג המפורסם בתורתו וצדקתו ובחיבוריו הנפלאים,
פה מפיק מרגליות, איש האשכולות, לוחם מלחמות ה׳
תלמיד חביב ונאמן לרביה״ק זי״ע ודבוק במשנתו

הגה״צ רבי **אליהו** הכהן **כ״ץ** זצ״ל

בן הגה״צ רבי **אברהם שלמה** זצ״ל - אב״ד ריסקעווע

אב״ד ור״מ קהל יטב לב דסאטמאר בני ברק - בעמח״ס ראש אליהו

נפטר בעיצומו של יום הכיפורים תשע״ט לפ״ק

הרה״ח הישיש, ירא ושלם, מיעט בדבריו והיה זהיר
במורא מקדש, בעל מדות ישרות וקבע עתותיו לתורה,
הסתופף בצל רביה״ק זי״ע והתנהג כדבריו

מוה״ר **חיים** ע״ה **ראטה**

ב״ר **מתתי׳ הכהן** ז״ל

נפטר ט׳ תשרי (ערב יו״כ) תשס״ט לפ״ק

הרה״ח איש חי רב פעלים, מדקדק במצות, ואהוב
על הבריות, תלמיד רביה״ק זי״ע, למד בספריו
בקביעות וסייע להדפסתם, היה מבאי ביתו,
ורבינו כינהו בשם ׳עוֹזֵר׳ דַּלִּים על עסקו בצדקה וחסד

רבי **עוזר** ב״ר **זרח** ז״ל **גליק**

נפטר ח׳ תשרי (שבת שובה) תשס״ד לפ״ק

הרה״ח המפואר, איש חי רב פעלים,
מרחם על הבריות, מתלמידי רביה״ק זי״ע

מוה״ר **חיים** ע״ה **רייזמאן**

ב״ר **יודא הלוי** ז״ל

נפטר י״ד תשרי תשע״ה לפ״ק

לעילוי נשמת

הרה״ח ר׳ **משה מנחם**
ב״ר **יוסף** ז״ל
נפטר ערב פסח תש״פ

הרה״ח ר׳ **מרדכי משה ספרא**
ב״ר **יחזקאל שרגא** ז״ל
נפטר ה׳ ניסן תש״פ

KolSatmar.com

א

# קושיות ודיוקים בחרוז יֶרְצֶה צוֹם עַמְּךָ

[בפזמון לסליחות דערב יום כיפור]:

**יֶרְצֶה צוֹם עַמְּךָ, אֲשֶׁר דָּמוּ לְךָ מַזֶּה. חֲשׁוּב חֶלְבּוֹ כְּעַל זֶבַח, וְקָרְבָּנוֹ אַל תִּבְזֶה. חֲתוֹם עָלָיו אוֹת חַיִּים, וּתְפִלָּתוֹ תֶּחֱזֶה.** [מָחָר יִהְיֶה הָאוֹת הַזֶּה].

ב

### קושיא א

הלא דבר שיש לו "חשיבות", אין צריך לומר עוד כי אינו "מבוזה". ואם כן מכיון שכבר אמר "חֲשׁוּב" חֶלְבּוֹ כְּעַל זֶבַח, למה הוצרך עוד לומר וְקָרְבָּנוֹ "אַל תִּבְזֶה"

א) קודם דאַרף מען פאַרשטיין [אומרו "חֲשׁוּב" חֶלְבּוֹ כְּעַל זֶבַח, וְקָרְבָּנוֹ אַל "תִּבְזֶה", דהלא] ס'איז דאָך אַ חילוק פון [נישט] "בִּזְיוֹנוֹת" צו [יאָ] "חֲשִׁיבוּת". מילא אַז מ'איז 'נישט מְבֻזֶּה', דאַרף מען נאָך זאָגן [אַז] מ'איז עס נאָך 'מַחְשִׁיב', [אבל אם אומר שהוא 'מחשיב', שוב אינו צריך שיאמר שאינו 'מבוזה'].

[ואם כן] אַז ער הייבט אָן "חֲשׁוּב" חֶלְבּוֹ כְּעַל זֶבַח, ס'זאָל 'חָשׁוּב' זיין, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן נאָך וְקָרְבָּנוֹ אַל "תִּבְזֶה", ער זאָל עס 'נישט מְבֻזֶּה' זיין. [כי הלא] אַז ער האָט שוין איין מאָל געזאָגט אַז מ'איז עס גאָר "מַחְשִׁיב" אפילו, די תפילות, איז מען עס ממילא נישט "מְבַזֶּה".

ג

### קושיא ב

למה מקדים ענין חֲתוֹם עָלָיו אוֹת חַיִּים, לענין וּתְפִלָּתוֹ תֶּחֱזֶה, והלא מקודם מתפללין התפילות במשך כל היום, ואחר כך היא החתימה לחיים, בתפילת נעילה שבסוף היום

ב) חֲתוֹם עָלָיו אוֹת חַיִּים וּתְפִלָּתוֹ תֶּחֱזֶה. זאָגט מען דאָך לכאורה [מיט דעם אַ בקשה] אַז ס'זאָל נתקבל ווערן די תפילות [מה שמתפללין] מ'זאָל געבן אַן אוֹת חַיִּים.

נו איז דאָך קומט דאָך 'קודם' [דער] קיבול תפילות, מ'זאָגט דאָך תפילות [במשך כל היום, און] די חתימה איז דאָך שוין צום סוף [טאָג, בתפילת נעילה], בְּעֵת נְעִילַת שַׁעַר, סוף פון אַלע תפילות [היום].

[ואם כן] האָט ער געדאַרפט צו זאָגן 'קודם' וּתְפִלָּתוֹ תֶּחֱזֶה, [ואחר כך] וַחֲתוֹם עָלָיו אוֹת חַיִּים.

[ולבסוף הרי] ער זאָגט 'קודם' חֲתוֹם עָלָיו אוֹת חַיִּים, און נאָך די 'חתימה' הערשט, זאָגט ער וּתְפִלָּתוֹ תֶּחֱזֶה.

ד

# קושיות ודיוקים בחרוז בַּמֶּה אֲקַדֵּם וְאִכַּף

ווייטער שטייט:

**בַּמֶּה אֲקַדֵּם וְאִכַּף פְּנֵי לֹא יִקַּח שׁוֹחַד. וּבְיָדִי אֵין מַעַשׂ, וְעַל זֹאת לִבִּי יִפְחָד. אֲבָל בְּזָכְרִי מַלְכוּת יִחוּד[א] שֵׁם הַמְיוּחָד. וְעַל זֹאת אֲנִי בּוֹטֵחַ בְּאָמְרִים ה' אֶחָד. וּמוֹשְׁכִים כּוּלָּם יַחַד מִזֶּה אֶחָד וּמִזֶּה.**

---

[א] כן היה מנהג רבינו לומר כנוסח הסליחות שבדפוסים ישנים, אֲבָל בְּזָכְרִי מַלְכוּת "יִחוּד" שֵׁם הַמְיוּחָד. (ובלא תיבת אבל "עתה" בזכרי).

KolSatmar.com

**ה**

**קושיא ג**

להבין כפל הלשון וייתור אומרו בְּזָכְרִי מַלְכוּת שֵׁם הַמְיוּחָד, דהלא כבר נכלל ומובן זה במה שאומר אח״כ בְּאָמְרִים ה׳ אֶחָד

**ג)** קודם איז דאָך אַ טאָפּלט [וייתור] לשון, [מה שאומרים אֲבָל] **״בְּזָכְרִי מַלְכוּת שֵׁם הַמְיוּחָד״, וְעַל זֹאת אֲנִי בּוֹטֵחַ** [בְּאָמְרִים ה׳ אֶחָד].

ער דאַרף צו זאָגן [בקיצור], **וּבְיָדִי אֵין מַעַשׂ וְעַל זֹאת לִבִּי יִפְחַד, ״אֲבָל״ עַל זֹאת אֲנִי בּוֹטֵחַ בְּאָמְרִים ה׳ אֶחָד.**

פאַרוואָס זאָגט ער קודם [די הקדמה פון] **״בְּזָכְרִי מַלְכוּת יִחוּד** [שֵׁם הַמְיוּחָד]**״.**

**ו**

[ובאמת הלא] **מיט דעם וואָס איך גערענק אין מַלְכוּת יִחוּד שֵׁם הַמְיוּחָד, דעס איז דאָך נאָך נישט קיין ׳דעקונג׳ אויף דעם וואָס בְּיָדִי אֵין מַעַשׂ.** [כי] **אדרבה, לפי גודלו פון הקדוש ברוך הוא, איז דאָך נאָך אַרגער אַז מ׳האָט נישט ׳גאָרנישט׳.**

**נאָר דער עיקר איז דאָך נאָר, ער וויל דאָך זאָגן אַז מ׳פאַרלאָזט זיך אַז מ׳איז מייחד השם יתברך, אַז ׳דער׳ זכות** [יעמוד לנו]. **אַזוי ווי ס׳שטייט** (דברים כ, ג) **״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל״** [אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה], **ווי דער מדרש זאָגט** (ילקוט רמז תתקכג) **אם אין בכם - די גמרא זאָגט עס**[ב] - [אפילו] **אם אין בכם אלא זכות מה שאתם אומרים ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל״,** [איז שוין] **אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה,** [דכדאי הוא שיושיע אתכם עבור זה].

**ז**

[ואם כן היה סגי באומרו] **בְּאָמְרִים ה׳ אֶחָד, וואָס איז דער** [הקדמה] **״בְּזָכְרִי מַלְכוּת יִחוּד** [שֵׁם הַמְיוּחָד]**״.**

**ח**

**קושיא ד**

להבין לשון ״בְּזָכְרִי״, שענין זכירה שייך רק בדבר הנשכח מזמן לזמן, אבל יחוד שם המיוחד
הוא דבר הנוהג בכל שעה, לקיים הפסוק שִׁוִּיתִי ה׳ לְנֶגְדִּי תָמִיד, ואסור לשכוח מזה

**ד)** אין וואָס איז דער [לשון] **״בְּזָכְרִי״.** [דבשלמא אויף] **אַ זאַך וואָס ס׳איז ׳געוועזן אַמאָל׳, איז שייך צו זאָגן איך ׳גערענק׳. אָבער אַ זאַך וואָס איז דאָ ׳כסדר׳** [בהוה, לא שייך בזה לשון זכירה].

[והלא ענין יחוד הקב״ה ומלכותו] **דאָס דאַרף דאָך זיין ׳פאַר די אויגן׳,** [כדכתיב] (תהלים טז, ח) **שִׁוִּיתִי ה׳ לְנֶגְדִּי תָמִיד**[ג]**, ס׳איז דאָך אַ ׳תמידיות׳, דאָס ברויך מען דאָך גערענקען** [כסדר], **מ׳ברויך טאַקע דאָס** [נישט פאַרגעסן], **׳דאָס טאָר דאָך נישט אַראָפּגיין פון דער מחשבה׳ - דאָס איז דאָך אַ נצחיות** - [יחוד ומלכות] **הקדוש ברוך הוא.** [ואם כן צריך ביאור הלשון] **״בְּזָכְרִי״ מַלְכוּת, איך וועל ׳גערענקען׳.**

---

[ב] **בגמרא סוטה** (מב.): **וְאָמַר אֲלֵיהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל. מאי שנא שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחי, אמר להן הקב״ה לישראל, אפילו לא קיימתם אלא קריאת שמע שחרית וערבית, אי אתם נמסרין בידם.**

**ולשון רבינו הוא ע״פ לשון רש״י פרשת שופטים** (כ, ג): **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל. אפילו אין בכם זכות אלא קריאת שמע בלבד, כדאי אתם שיושיע אתכם.**

[ג] וכמו שהתחיל הרמ״א דבריו בריש או״ח: **שִׁוִּיתִי ה׳ לְנֶגְדִּי תָמִיד הוא כלל גדול בתורה ובמעלות הצדיקים אשר הולכים לפני האלקים.** כי אין ישיבת האדם ותנועותיו ועסקיו והוא לבדו בביתו, כישיבתו ותנועותיו ועסקיו והוא לפני מלך גדול. ולא דבורו והרחבת פיו כרצונו והוא עם אנשי ביתו וקרוביו, כדבורו במושב המלך. כל שכן כשישים האדם אל לבו שהמלך הגדול הקדוש ברוך הוא אשר מלא כל הארץ כבודו, עומד עליו ורואה במעשיו, כמו שנאמר (ירמי׳ כג, כד) אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם ה׳ [הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא], מיד יגיע אליו היראה וההכנעה בפחד השי״ת, ובושתו ממנו תמיד (מורה נבוכים ג, נב).

KolSatmar.com

**ט**

**קושיא ה**

מהו הכוונה באומרו וּמוֹשְׁכִים כּוּלָּם יַחַד "מִזֶּה" אֶחָד "וּמִזֶּה"

**ה) דערנאָך וואָס איז דער וּמוֹשְׁכִים כּוּלָּם יַחַד מִזֶּה אֶחָד וּמִזֶּה, ווער איז דער מִזֶּה וּמִזֶּה, ווער איז דער "מִזֶּה" און ווער איז דער "וּמִזֶּה",** [והלא הכוונה לומר כי] **דער כלל ישראל זענען וּמוֹשְׁכִים "כּוּלָּם יַחַד"** [לייחד שמו יתברך, ומה מוסיף באומרו עוד הלשון] **"מִזֶּה וּמִזֶּה".**

**י**

# ישוב הקושיות

**נאָר דאָס גאַנצע קען זיין איז איין מְכֻוָּן.**

**יא**

**הקדמה לישוב קושיא א-ב**

**ממה שאמרתי בראש השנה**

**איך האָב שוין געזאָגט ראש השנה**[ד]**,** [לבאר מה דכתיב] **לְעוֹלָם ה' דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם,** [והביאו זאת במדרש על הפסוק][ה] **וַה' פָּקַד אֶת שָׂרָה**[ו] (וירא כא, א)**, און** [הפסוק בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי] **בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ**[ז] (אמור כג, כד)**.**

**יב**

בנזר הקודש: אף כשהישועה כבר נגמר בשמים, עומדת ונצבת שם מחמת עיכוב המקטריגים, עד שבא הזמן לשבור המסכים והקטרוגים ויורדת הישועה למטה בארץ

**זאָגט דער נזר הקודש** [לפרש דברי המדרש בזה][ח]**, ער ברענגט פונעם שערי אורה, און פון דעם עשרה מאמרות**[ט]**, פון אַלע חַכְמֵי הָאֱמֶת, וואָס זיי זאָגן אַז די אַלע**

---

[ד] בדרשת תקיעת שופר תשי"ד, ונדפס **בדברי יואל לר"ה** (אות לא)**, ובלשון קדשו** (קונטרס קסא)**, עיי"ש באורך.**

[ה] **בבראשית רבה** (נג, ג-ד)**: וַה' פָּקַד אֶת שָׂרָה. יָבֵשׁ חָצִיר נָבֵל צִיץ** (ישעי' מ, ח)**, יבש חצירו של אבימלך ונבל ציצו, וּדְבַר אֱלֹקֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם** (שם)**, וַה' פָּקַד אֶת שָׂרָה כַּאֲשֶׁר אָמָר. לְעוֹלָם ה' דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם** (תהלים קיט, פט)**, הא בארץ לא** (בתמיה)**, אלא מה שאמרת לאברהם בשמים לַמּוֹעֵד אָשׁוּב אֵלֶיךָ כָּעֵת חַיָּה** (וירא יח, יד)**. ר' נחמן דיפו משם ר' יעקב דקיסרין פתח,** (תהלים פ, טו) **אֱלֹקִים צְבָאוֹת שׁוּב נָא הַבֵּט מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה וּפְקֹד גֶּפֶן זֹאת, שׁוּב וַעֲשֵׂה מה שאמרת לאברהם** (לך טו, ה) **הַבֵּט נָא הַשָּׁמַיְמָה וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים, וּפְקֹד גֶּפֶן זֹאת, וַה' פָּקַד אֶת שָׂרָה.**

[ו] שהוא בקריאת היום של א' דראש השנה.

[ז] **בויקרא רבה** (כט, א)**: בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ, הדא הוא דכתיב** (תהלים קיט, פט) **לְעוֹלָם ה' דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם. תני בשם רבי אליעזר, בכ"ה באלול נברא העולם, ואתיא דרב כההיא דתני ר"א, דתנינן בתקיעתא דרב, הַיּוֹם תְּחִלַּת מַעֲשֶׂיךָ זִכָּרוֹן לְיוֹם רִאשׁוֹן, כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא וגו', וְעַל הַמְּדִינוֹת בּוֹ יֵאָמֵר, אֵיזוֹ לַחֶרֶב וְאֵיזוֹ לַשָּׁלוֹם, אֵיזוֹ לָרָעָב וְאֵיזוֹ לָשֹׂבַע, וּבְרִיּוֹת בּוֹ יִפָּקֵדוּ לְהַזְכִּירָם לְחַיִּים וְלַמָּוֶת. נמצאת אתה אומר ביום ראש השנה בשעה ראשונה עלה במחשבה** [לברוא אדם הראשון]**, בשניה נתייעץ עם מלאכי השרת, בשלישי כָּנַס עֲפָרוֹ, ברביעי גִּבְּלוֹ, בחמישי רִקְמוֹ, בששי עֲשָׂאוֹ גֹּלֶם, בשביעי נָפַח בו נְשָׁמָה, בשמיני הִכְנִיסוֹ לְגַן, בתשיעי נִצְטַוָּה, בעשירי עָבַר, באחד עשר נִדּוֹן, בשנים עשר יָצָא בְּדִימוּס** [זכאי בדין]**. אמר הקב"ה לאדם, זה סימן לבניך, כשם שעמדת לְפָנַי בדין היום הזה וְיָצָאתָ בְּדִימוּס כך עתידין בניך לעמוד לְפָנַי בדין ביום זה ויוצאין לְפָנַי בְּדִימוּס, אימתי בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ.**

[ח] **בנזר הקודש** (על הבראשית רבה שם) **הציע שם כמה קושיות, ואח"כ כתב וז"ל: ואמנם כל זה יבואר בהצעה אחת, על פי מה שאמרו חכז"ל** (בראשית רבה ג, ח) **שאין הקב"ה מייחד שמו על הרעה אלא על הטובה, והרעה באה ע"י שלוחי הדינים. וכתב הע"מ** [כן הוא בדפוס ישן, והוא ר"ת העשרה מאמרות, ובדפוס חדש נדפס "העמק המלך" (שער עולם הבריאה)]**, והשערי אורה** (שער ו)**, ושאר חכמי האמת, שלפעמים** [שלוחי הדינים] **הם מעכבים גם כח הטוב, כי מי שיש לו זכות, הקב"ה משפיע לו מלמעלה שפע טוב, אלא שלפעמים אינו יוצא מכח אל הפועל למטה, מצד המקטרגים, כי אור השפע טרם רִדְתּוֹ למטה הוא עובר דרך צד צפון, ויש שם היכל אחד הנקרא "זכות", אשר שָׁם מקום קבוע לבית דין הגדול שלמעלה, ויש בהם מיימינים ומשמאילים לדון לכל אחד אם הוא ראוי לאותו דבר או לא, מצד איזה קטרוג עון, כי יש שם ש"י מחנות המקטרגים על שפע המתנות היורדים מלמעלה,**

KolSatmar.com

**תפילות פון די אַלע פריערדיגע קדושים, זענען אַוודאי נישט געגאַנגען קיין איינ׳ס נישט לָרִיק, [נאָר] אַלעס איז נתקבל געוואָרן בַּשָּׁמַיִם.**

**נאָר ביז ס׳קומט אַראָפּ [ההשפעה עד למטה] איז דאָ מקטריגים, ס׳ווערט ״פאַרהאַלטן״ [עד שיגיע זמנו].**

**יג**

ועל זה נאמר מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר ״צָפַנְתָּ״ לִּירֵאֶיךָ, שהטוב צפון וגנוז שם בשמים, עד שבא העת רצון לירד למטה

**דעס איז וואָס דער פסוק זאָגט (תהלים לא, כ), מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר ״צָפַנְתָּ״ לִּירֵאֶיךָ, ס׳איז דאָ זייער אַסאַך [גוטס] אויבן, פון די עבודה פון אידן, נאָר אֲשֶׁר ״צָפַנְתָּ״, ס׳איז ״באַהאַלטן״.**

**לָרִיק גייט עס נישט.**

**ס׳וועט קומען אַמאָל אַ צייט, וועט אַלעס אַפיר קומען, די אַלע תפילות וועט ברענגען זייערע השפעות.**

**נאָר דערווייל איז אֲשֶׁר ״צָפַנְתָּ״ לִּירֵאֶיךָ, ס׳איז באַהאַלטן.**

**יד**

ועל זה מתפללין ״יֵרָאֶה״ אֶל עֲבָדֶיךָ ׳פָעֳלֶךָ׳, שפעולת התפילות והעבודות של הצדיקים, יתראה גם למטה אל עבדיך

**אויף דעם איז מען מתפלל (תהלים צ, טז) ״יֵרָאֶה״ אֶל עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ, ס׳זאָל שוין ׳אַפיר קומען׳ [הפעולה בשמים של תפילת ועבודת הצדיקים, באופן שיתראה גם למטה].**

[עד כאן דברי הנזר הקודש].

---

בהיותם מצד תוקף הדין, ואם המקבל יוצא חייב אז מתעכב שם אותו אור השפע, ואין הקב״ה מוחה בידם, כי כל דרכיו משפט במקום קטרוג עון, ומכל מקום לפי שכבר נתן הקב״ה השפע אינו חוזר ריקם, שאין מתנתו יתברך בטילה לגמרי, דמשמיא מיהב יהב משקל לא שקלי (תענית כה.), אלא הוא מתעכב ועומד שם עד זמן תיקונו העון בתשובה או יסורין, ומתקיים לו או לזרעו לאחר זמן. ואף אם אינו מתקיים כלל בעולם הזה, מתקיים לעולם הבא. ועל זה אמר הכתוב (משלי ח, כא) לְהַנְחִיל אֹהֲבַי ״יֵשׁ״, כלומר לעתיד ינחלו כל שפע טוב המתעכב בזמן עולם הזה על ידי ש״י מחנות המקטרגים לעכב המתנות, ולכך נקרא אותו צד בשם ״צָפוּן״, שהוא מלשון גָּנוּז וְטָמוּן, כי שם צפון וטמון באוצר מלכו של עולם כל שפע טוב המתעכב. ועל זה אמר הכתוב מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, כלומר השפע טוב שנתעכב לפי שעה על ידי המקטרגים, הוא צפון וטמון ליראיו לעתיד לבא. וכן הכתוב אומר יֵרָאֶה אֶל עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ אשר הוא צפון ומכוסה עד עתה ע״י קטרוג המקטרגים כנזכר, עד כאן דבריהם. (המשך וסיום דברי הנזר הקודש, מובא להלן בהערה יא).

[ט] עיין בתחלת ספר **עשרה מאמרות** (להרמ״ע, מאמר חקור דין ח״א פ״א) שהזכיר ענין כזה בקצרה, וגם מפרש בזה דברי הפסוק יֵרָאֶה אֶל עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ, הנזכר כאן בנזה״ק. וז״ל הרמ״ע שם: כי הא דאמר משה רבינו ע״ה בתפלתו וכו׳ שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ (תהלים צ, טו), לא ליתן קצבה ח״ו לימי השמחה הרוחנית שעליה היה מתחנן, וכבר אמר וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל יָמֵינוּ, כיוצא בו יְהִי חַסְדְּךָ ה׳ עָלֵינוּ כַּאֲשֶׁר יִחַלְנוּ לָךְ, משפטו כל זמן שיחלנו לך שהוא תמיד, לא כשיעור היחל שזה יש לו קצבה. ולחסד ה׳ אין לו קצבה, אבל אמרו רבותינו ז״ל (זוהר וישלח קסט.) מַאן דְּצַלֵּי צְלוֹתֵיהּ בָּעֵי לְפָרְשָׁא מִלּוֹי כְּדְקָא יָאוּת, לפיכך פירש ואמר שאינו מבקש על העתיד בלבד. וגם על העבר לא יספיק ממנו מה שנעשה בו רצונו יתברך, כי פשיטא שאינו מקפח שכר כל בריה, אלא נוסף על כל זה שַׂמְּחֵנוּ גם כן כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, כאלו קיימנו המצות בכל זמן, לפי שאין שמחה זולתן, ואף על פי שיש בהמשך החיים ימות עניתנו, ולא הונח לנו לשמור משפטי צדקך, הרי זה אונס ורחמנא פטריה. ועל דרך זה אמר יואל (ב, כה) וְשִׁלַּמְתִּי לָכֶם אֶת הַשָּׁנִים, ופשוט הוא. ויהיה שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה מצורף לפסוק הנמשך יֵרָאֶה אֶל עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ, כי הן לא קצרה ידו יתברך לחדש מאז מדת טובו בכל יום כל אותו זמן גם כן, אלא שעדיין לא זכינו בו, כי מפני הרעה נאסף ונגנז, והוא כנוס ונתון באוצר מלכו של עולם עד יעבור זעם. על כן אמר, יֵרָאֶה אֶל עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ, כאמרו הַרְאֵנוּ ה׳ חַסְדֶּךָ (תהלים פה, ח), וכתיב (שם לא, כ) פָּעַלְתָּ לַחֹסִים בָּךְ, כי ההתבוננות במדותיו יתברך הוא תכלית הטובה, והוא הדרך על בניהם, כטעם זכות אבות הנעשה מזלן של בנים, ונבארהו בפרק כ״ח כ״ט ול׳ מהחלק השני. הדר הוא בלי ספק להצדקת ההנהגה באמת וישר. וִיהִי נֹעַם ה׳ אֱלֹקֵינוּ עָלֵינוּ הוא מזלנו הראשון, דלא תלי בזכותא כלל, אשר הכין לבית ישראל רב טוב וחסד עצום כיד המלך העליון המטיב לכל, אמר יהי רצון שלא יפחתו לנו ממנו מאומה, לא יאצר ולא יחסן, ליושבים לפני ה׳ יהיה וכו׳. יהיה כּוֹנְנָה עָלֵינוּ על אכילת פירות בעולם הזה של מעשים טובים דהשתא, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ, כן משפטו לדור אחרון.

KolSatmar.com

## טו

ובזה פירשתי בראש השנה דברי הכתוב אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם בְּהַר ה' יֵרָאֶה

**איך האָב שוין ראש השנה געטייטשט מיט דעם,** [דברי הפסוק בפרשת העקידה] (וירא כב, יד) **ה' יִרְאֶה אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם בְּהַר ה' יֵרָאֶה**[י]**. איך וויל נישט היצט איבער'חַזֶר'ן.**

[ותוכן הדברים, דהפסוק רומז אֲשֶׁר יֵאָמֵר "הַיּוֹם", פירוש אותן התפילות הנאמרות 'הַיּוֹם' דָא ראש השנה, בְּהַר, היינו בזמן הגלות שאז נקרא הבית המקדש בשם 'הַר' ולא בשם בַּיִת, כל זה יהיה ה' יֵרָאֶה, שיתגלה ויתראה כל זה לעתיד, ויראו עין בעין מה שפעלו בכל אלו התפילות].

## טז

ובזה פירש הנזר הקודש את הכתוב לְעוֹלָם ה' דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם, כי למעלה נצבים כל אלו התפילות, ואינם חוזרים ריקם

**און דער 'נזר הקודש' טייטשט מיט דעם**[יא]**, לְעוֹלָם ה' דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם, אויבן בַּשָּׁמַיִם איז דאָ אייביג** [נִצָּב]**, זענען די אַלע** [תפילות]**, זיי 'שטייען' די אַלע, און ווען ס'איז דאָ אַ שטיקל התעוררות,** [וכגון] **ס'ברויך קומען אַ ישועה לבניו, דערוועקט זיך די אַלע** [תפילות]**. זיי זיצן דאָרט און וואַרטן די אַלע** [תפילות]**, און די אַלע קרבנות די פריערדיגע**[יב]**.**

---

[י] דהנה **במדרש רבה** (וירא נו, י) נדרש על פסוק זה, מלמד שהראה לו הקב"ה לאברהם אבינו את הבית המקדש חָרֵב וּבָנוּי, חָרֵב וּבָנוּי, שנאמר וַיִּקְרָא אַבְרָהָם שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא ה' יִרְאֶה, הרי בָנוּי, היך מה דאת אמר (ראה טז, טז) שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה, אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם 'בְּהַר', הרי חָרֵב, שנאמר (איכה ה, יח) עַל הַר צִיּוֹן שֶׁשָּׁמֵם, ה' יִרְאֶה, בנוי ומשוכלל לעתיד לבא, שנאמר (תהלים קב, יז) כִּי בָנָה ה' צִיּוֹן נִרְאָה בִּכְבוֹדוֹ. - והנה ידוע מה שאיתא **בזוהר הקדוש** (פינחס רלא.) כי "הַיּוֹם" דא ראש השנה, וביומא דראש השנה עבודתינו לעורר את כל התקיעות והתפילות הקודמין של כל הצדיקים שכולם יעלו לרצון לקרב הגאולה, ויבנה בית המקדש במהרה לעינינו. וזה שהתפלל אברהם אבינו אֲשֶׁר יֵאָמֵר "הַיּוֹם" דא ראש השנה, בְּהַר ה' יֵרָאֶה, שהתפילות שמתפללין ישראל בכל הדורות על הבית שנחרב שמרומז בתיבת "בְּהַר", זה יהיה ה' יֵרָאֶה, שיתראה ויתגלה לעינינו כוחן של כל התקיעות והתפילות של בני ישראל בכל הדורות, וה' יבנה הבית המקדש במהרה בימינו. (מדברי רבינו בדרשת ר"ה תשי"ד).

[יא] **בנזר הקודש** שם כתב אח"כ בהמשך דבריו וז"ל: ובכן הטיבו אשר דברו חז"ל (ברכות ז.) כל דבר שיצא מפי הקב"ה לטובה אינו חוזר לרעה, כי אע"פ שמצינו כמה פעמים הבטחה שאינו מתקיים, אין זה מצד הקב"ה, כי הוא לא ישוב דברו אחור, ומקיים דברו מיד להשפיע למעלה כפי ההבטחה, אלא הוא מצד הבית דין שלמעלה המעכבים אור השפע ע"י קטרוג המקטרגים על דבר חטא ועון, וגם זה אינו אלא לפי שעה, שאין מתנתו יתברך בטילה לגמרי ח"ו, אלא שאור השפע הוא כנוס וגנוז למעלה באור מלכו של עולם עד זמן תיקון העון, ואם לא יתקיים בעולם הזה עכ"פ יתקיים לעתיד לבא, אשר אז הוא גמר כל התיקון. והיינו דאמרינן (בראשית רבה עו, ב) אין הבטחה לצדיקים 'בעולם הזה', שאם לא יתקיים שפע ההבטחה בעולם הזה יתקיים לעולם הבא וכו'. והיינו דאמרינן לקמן ספר ב' (שמות רבה לח, א) אמר דוד כשם שאתה אמת, שנאמר (ירמי' י, י) וַה' אֱלֹקִים אֱמֶת, כך דבריך אמת, כלומר שמתקיים תמיד, ושמא תאמר הרי מצינו כמה הבטחות שלא נתקיימו, ואהא מסיק ואמר (במדרש שם) שנאמר **לְעוֹלָם ה' דְּבָרְךָ נִצָּב "בַּשָּׁמָיִם"** דייקא, כלומר אע"פ שאינו מתקיים למטה הוא מתקיים למעלה בשמי מרומים, כי שם משפיע אור השפע מיד אלא שהוא מתעכב ועומד שם לפי שעה ע"י קטרוג המקטרגים בב"ד של מעלה, ואין המניעה מצדו יתברך. והיינו דקאמר בשוחר טוב (מדרש תהלים קיט, לה) **וּדְבַר אֱלֹקֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם** (ישעי' מ, ח), כמו שנאמר **לְעוֹלָם ה' דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם**, כלומר הקב"ה מְאַמֵּת דבריו למעלה בשמים, שמשפיע שם מיד השפע טוב, אלא שהוא נצב ומתעכב שם. וקאמר (שוחר טוב שם) למה הוא נצב, כלומר למה הוא מתעכב ועומד שם, ועל זה אמר לפי שכל בי"ד של מעלה מתמנין עליו כדכתיב (דניאל ד, יד) בִּגְזֵרַת עִירִין פִּתְגָמָא, ולכן הוא מתעכב ועומד שם לפי שעה ע"י קטרוג המקטרגים בבי"ד של מעלה, אבל אין המניעה מצדו יתברך, שהוא עושה את שלו להשפיע שפע טוב מיד לקיים דבריו, כי כשם שהוא אמת כך דבריו אמת. והיינו דמסיק (שוח"ט שם) לכך נאמר (דניאל י, א) וֶאֱמֶת הַדָּבָר וְצָבָא גָדוֹל, כלומר אמת הדבר מצד הקב"ה שהוא מקיים דבריו להשפיע שפע הטוב מיד למעלה, אלא שצבא גדול הם הבי"ד של מעלה מתמנין עליו, ומצדם הוא מתעכב ועומד השפע טוב בשמי מרומים עד גמר תיקון העון. ועל זה אמר (שמות רבה שם) הוי **לְעוֹלָם ה' דְּבָרְךָ נִצָּב "בַּשָּׁמָיִם"** דייקא, וכמדובר וכל זה נכון וברור בס"ד.

[יב] ובזה מובן שלא יקשה איך יצוייר דמה שהצדיקים והקדושים בדורות שלפנינו לא יכלו לפעול, יוכלו לפעול הדור השפל ביותר שבעיקבתא דמשיחא. אך האמת הוא שכל התפילות של הצדיקים שהיו מעולם, הם מקובצים ועומדים, ובכל שנה מתוספים תפילות ובקשות, והם נצטרפים אל התפילות והתחנונים שעומדים שם מכבר, וביחד הם מתגברים והולכים, עד שיגיע הזמן ואז יתגברו על כל המסכים והעיכובים. ונמצא שבכל שנה התפילות מתגברים יותר, ובניקל יותר שיעלו לפניו יתברך ויפעלו פעולתם. (מדברי רבינו בדרשת ראש השנה תשי"ד).

### יז

**וכן היה בפקידת שרה, שהישועה כבר עמדה הכן למעלה, ולכן מביא המדרש את הכתוב לְעוֹלָם ה׳ דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם**

[ובזה ביארתי שייכות הפסוק **לְעוֹלָם ה׳ דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם**, שמביאו המדרש על הפסוק וַה׳ פָּקַד אֶת שָׂרָה, דגם הישועה בפקידת שרה היה באופן זה, שכל התפילות שהתפלל אברהם מקודם לזה כבר פעלו הישועה מקודם אלא שנתעכבה בשמים, וכשהגיע הזמן בָּקְעוּ את המסכים המבדילים ופעלו את הישועה לפקוד את שרה בארץ].

### יח

**וכן מביאו המדרש על הפסוק בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ, דזהו כל עבודתינו ביום ראש השנה, לפעול שהישועה שכבר נגמר ונצב בשמים, תתגלה גם בארץ**

[וזהו גם כן השייכות להפסוק בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ, דזהו כל עבודתינו בראש השנה לעורר רחמים, שהישועה השלימה שכבר מוכנת למעלה בשמים ע״י עבודת ותפילת הצדיקים שבכל הדורות, תתגלה ותרד בפועל למטה בארץ, ולא יתעכב עוד ע״י המקטריגים].

[עד כאן ממה שאמרתי בראש השנה][יג].

### יט

### ישוב קושיא א

**כשיעזור הקב״ה שיהיה ״חָשׁוּב״ חֶלְבּוֹ כְּעַל זֶבַח, שיתקבלו התפילות שלנו, אז יתקיים וְקָרְבָּנוֹ ״אַל תִּבְזֶה״, וקאי על העבודה של דורות הקודמים, שלא יהיה עוד נצב ומתעכב בשמים**

**דאָס קען זיין** [בביאור לשון הפייטן לערב יום כיפור].

[דהנה] **אַצינדערט** [בזמן הגלות] **האָט מען דאָך נישט קיין קרבנות ׳בפועל׳, אָבער ס׳איז דאָ די קרבנות** [שע״י התענית ועבודת התפילה שנחשב כקרבן].

**איבערדעם זאָגט מען ״חָשׁוּב״ חֶלְבּוֹ כְּעַל זֶבַח,** [שיהא ׳נחשב׳ לפניך כקרבן, מיעוט חלבינו בהתענית והתפילות שאנו עושין בדור הזה]**, ממילא וועט זיין וְקָרְבָּנוֹ ״אַל תִּבְזֶה״, די קרבנות וואָס זענען דאָ בפועל** [בשמים, ע״י עבודת הצדיקים שבדורות הקודמים]**, דעס וועט ׳אַפיר קומען׳** [לפעול הגאולה שלימה].

[ומה שמכנה אותו בלשון אַל ׳תִּבְזֶה׳, כי באמת ׳חשובים׳ ועומדים הם מכבר מאז שהתפללו הצדיקים אלו התפילות והתענו, אלא שמחמת הקטרוג בעונות הדורות נתעכבו למעלה וכאילו ׳נבזו׳ בעוה״ר, ולזה מבקשין שעתה כבר נפעול הגאולה ע״י שיהיה ׳חשוב׳ לפניך גם מיעוט עבודתינו בדור הזה שנצרך עדיין לצורך הגאולה, ויצטרפו עם תפילות הצדיקים הקודמים, ואז שוב לא יתבזו ויתעכבו תפילות הצדיקים, רק יפעלו פעולתם לשבור כל המסכים המבדילים באופן שתרד הישועה למטה][יד].

### כ

### ישוב קושיא ב

**כשיהיה חָתוּם עָלָיו אוֹת חַיִּים, לשנת גאולה וישועה, שאז יתחתמו ׳כל הכלל ישראל׳ לְחַיִּים, אז יתקיים וּתְפִלָּתוֹ ״תֶּחֱזֶה״, שיראו ויחזו עין בעין מה שפעלו כל אלו תפילות של הדורות הקודמים לצורך הישועה שלימה**

[און] **אַז דער אייבירשטער וועט העלפן חָתוּם עָלָיו אוֹת ״חַיִּים״,** [לשנת ״גאולה״ וישועה]**, וועט זיין וּתְפִלָּתוֹ ״תֶּחֱזֶה״.** [כי יתגלו ויתראו עד למטה] **די אַלע ׳תפילות׳ וואָס זענען געווען ׳פריער׳,** [אלא] **מ׳האָט זיי נאָר נישט ׳אַרויסגעזען׳.**

[כי] **אַז ס׳וועט זיין אַ הִתְעוֹרְרוּת רָצוֹן הָעֶלְיוֹן** [לישועה השלימה, און] **דער כלל ישראל וועט פאַרשריבן ווערן ״לְחַיִּים״, מיט אַ יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה קאָן זיין דער ׳גאַנצער כלל ישראל׳ לְחַיִּים, דאָס איז דאָך נאָר ביי די גאולה שלימה, ביי די ישועה.**

---

[יג] **ועיין בסעודת מוצאי יום כיפור תשי״ד, שחזר רבינו פעם שלישית על ענין זה, וכן הזכירו פעם רביעית בהושענא רבה תשי״ד** (אצל הוֹשַׁעְנָא נְשִׂיָּה לְקַיְּמָהּ, שִׂיחִים לְקוֹמְמָה. בלשו״ק לז אות עט). **ועיין זה גם בס״ג בא תשכ״ב** (והובא לשונו שם בלשו״ק קסא ראש השנה תשי״ד, בהערות לאות נב).

[יד] כן נראה בדרך אפשר, כי רבינו קיצר כאן מאוד. [דאי לאו הכי יוקשה האיך אפשר שהתענית של דור הזה יהא נקרא בלשון ״חשוב״, ושל דורות הקודמים רק בלשון ״אל תבזה״, לפי החילוק שמדייק רבינו לעיל בקושיא א].

KolSatmar.com

[דעמאָלטס] וועט 'אַפיר קומען', קומט אַפיר [די אַלע תפילות הקודמים. שאז יתקיים הכתוב "יֵרָאֶה" אֶל עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם, וכמו שמפרש בנזר הקודש. והפסוק אשר יֵאָמֵר הַיּוֹם בְּהַר ה' "יֵרָאֶה", כמו שפירשנו בראש השנה].

[וממילא] דעמאָלטס וועט מען "זען" הערשט, די אַלע "תפילות" פון די פריערדיגע, [אַז] די אַלע תפילות זענען נישט געגאַנגען לָריק, נאָר ס'איז פאַרהאַלטן געוואָרן, און [אַז] ס'איז שוין [מגיע העת רצון], אַז דער מקטרג וועט נישט האָבן קיין כח, אַז ס'וועט זיין חָתוּם עָלָיו אוֹת "חַיִּים", - מיינט מען נישט די 'היצטיגע' תפילות[טו], [נאָר די 'פריערדיגע' תפילות], - וועט זיין וּתְפִלָּתוֹ "תֶּחֱזֶה".

## כא

## ישוב הקושיות בחרוז בַּמֶּה אֲקַדֵּם וְאִכַּף

### הקדמה לישוב קושיא ג-ה

במדרש, שהשבטים אמרו ליעקב כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבנו אלא אחד. וקשה דלכאורה היה סגי שיאמרו בקצרה "אין בלבנו אלא אחד", ולמה הוצרכו להקדים "כשם שאין בלבך" וכו'

דעס איז דער פְּשַׁט [בחרוז במה אקדם].

[דהנה] ביי יעקב אבינו שטייט[טז], ער האָט מורא געהאַט שמא יש בכם פסול, האָבן זיי געזאָגט, כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבינו [אלא אחד].

[ולכאורה קשה] וואָס עפּעס האָבן זיי געזאָגט "כשם שאין בלבך [אלא אחד, כך" אין בלבינו אלא אחד. דהיה סגי בשיאמרו סְתָם "אין בלבינו אלא אחד", והשאר מיותר לכאורה].

## כב

אמנם אינו דומה השגת יחוד ה' וקבלת עול מלכות שמים של הצדיקים הגדולים, לעבודת יחוד ה' שמקבלין כל ישראל

נאָר וואָס דען, אַז מ'איז מְיַחֵד הַשֵּׁם ברוך הוא, [ומקבלין עול] מלכות שמים, אַלדינגס איז חשוב פאַרן אייבירשטן[יז], אפילו [נאָר] 'בפשטות' אַז אַ איד זאָגט "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל", ער איז מייחד השם יתברך [לפי השגתו].

אָבער אֵינוֹ דּוֹמֶה [לזה, יחוד ה' שהיו מייחדים הצדיקי אמת], די בַּעֲלֵי הַשָּׂגָה אין גְּדוּלַּת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, [וואָס] מ'ווערט בָּטֵל בַּמְּצִיאוּת פאַרן באַשעפער[יח], און מ'איז מַמְלִיךְ הקדוש ברוך הוא, מ'איז מקבל [עול מלכות שמים] אַזוי ווי די פריערדיגע [צדיקים].

---

[טו] באומרו "וּתְפִלָּתוֹ" תֶּחֱזֶה.

[טז] בגמרא פסחים (נו.): אמר רבי שמעון בן לקיש, וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם (ויחי מט, א). ביקש יעקב לגלות לבניו קֵץ הַיָּמִין [זמן קץ הגאולה], ונסתלקה ממנו שכינה. אמר, שמא חס ושלום יש במטתי פסול, כאברהם שיצא ממנו ישמעאל, וְאָבִי יצחק שיצא ממנו עשו. אמרו לו בניו, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד [ופירש"י: שמע "ישראל", לאביהם היו אומרים]. אמרו, כשם שאין בלבך אלא אחד, כך אין בלבנו אלא אחד. באותה שעה פתח יעקב אבינו ואמר בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד וכו'.

וכן הוא בבראשית רבה (צח, ג) ובדברים רבה (ואתחנן ב, לה)

[יז] וכמובא לעיל באות ו (ובהערה ב) דאפילו אין בכם אלא זכות קריאת שמע כדאי הוא שיושיע אתכם.

[יח] עיין בטור (או"ח סימן צח): מחשבתו כיצד, דתניא המתפלל צריך שיכוין לבו וכו', פירוש שיכוין פירוש המלות שמוציא בשפתיו, ויחשוב כאילו שכינה כנגדו, שנאמר שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד, ויעיר הכוונה, ויסיר כל המחשבות הטרודות אותו, עד שתשאר מחשבתו וכוונתו זכה בתפלתו. ויחשוב, כי אילו היה מדבר לפני מלך בשר ודם שהיום כאן ולמחר בקבר, היה מסדר דבריו ומכוין בהם יפה לבל יכשל, קל וחומר לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, שצריך לכוין אף מחשבתו, כי לפניו המחשבה כדיבור, כי כל המחשבות הוא חוקר. וכן היו עושין חסידים ואנשי מעשה, שהיו מתבודדים ומכוונין בתפלתן עד שהיו מגיעים להתפשטות הגשמיות ולהתגברות רוח השכלית, עד שהיו מגיעים קרוב למעלת הנבואה. - ובשער התפלה (לבעל באר מים חיים, שער ט פרק ו): שאמרו רז"ל שחסידים הראשונים היו מכוונים בתפלתם עד הגיעם לבחינת התפשטות הגשמיות וביטול המציאות. - ובתפארת שלמה (וארא, ד"ה רק הרחק): כי דרך הצדיקים הגדולים בהתייחדם בתורה

KolSatmar.com

**כג**

ולזה אנו מקבלין עול מלכות שמים "עַל דַעַת" הצדיקים הקודמים,
כי אינו דומה עבודתנו שאנו עושין בעצמינו, להעבודה שלהם

ס'שטייט דאָך[יט], מ'איז דאָך מקבל [עול מלכות שמים] **עַל דַעַת** [רשב"י והאר"י הק'], מ'רעכנט אויס די אַלע פריערדיגע [צדיקים][כ].

**כד**

[וכהשצדיקים מייחדים את ה'], **איז דאָס גאָר אויף אַן אַנדערן אופן.**

**כה**

אבל בזה שאנו זוכרין את עבודה הגדולה ויחוד ה' של הצדיקים,
על ידי זה מתעלה גם עבודתינו ויחוד שלנו, ומצטרף הכל ביחד

**נאָר וואָס דען, אין הכי נמי, אונז דאַרף מיר 'געדענקען' די עבודה וואָס 'זיי' האָבן געטון, און אַז מ'טוט 'עפעס' אפילו** [והוא על דעתם], **ממילא דערוועקט זיך דאָך** [כח עבודתם של הצדיקים שבדורות הקודמים], **איז מען זיך מְצָרֵף** [כח עבודתינו ויחוד ה' שאנו מייחדים] **מיט 'זייער' יחוד, מיט זייערע יחודים אינאיינעם.**

**כו**

ועל כוונה זו הקדימו השבטים ואמרו "כשם שאין בלבך אלא אחד" כך אין בלבינו אלא אחד

[ועל דרך זה אמרו השבטים הקדושים ליעקב אבינו, **"כשם שאין בלבך אלא אחד" כך אין בלבנו אלא אחד**, כי הם רצו לייחד את ה' דייקא על דַעַת וכוונת יעקב אביהם, בייחדו את ה' לפי גודל השגותיו לאין שיעור][כא].

**כז**

ישוב קושיא ג-ד

ולזה כשאומרים וּבְיָדֵי אֵין מַעַשׂ וְעַל זֹאת לִבִּי יִפְחַד, מסיימים אֲבָל "בְּזָכְרִי"
מַלְכוּת יִחוּד שֵׁם הַמְיוּחָד של "הצדיקים הקודמים" לפי מדריגתם הגבוה

**איבערדעם זאָגט ער, וּבְיָדֵי אֵין מַעַשׂ וְעַל זֹאת לִבִּי יִפְחַד, אַז** [ס'איז] **אֵין מַעַשׂ, וויאַזוי זעט מען אויס, אפילו די 'עבודה' וויאַזוי זעט עס אויס.**

**אֲבָל "בְּזָכְרִי", אַז איך 'געדענק' אָבער מַלְכוּת יִחוּד שֵׁם הַמְיוּחָד, אַז מ'געדענקט**

---

ותפלה ועליית נשמה גבוה מעל גבוה, **הנה הם בטלים לגמרי במציאות זה העולם**, ואינם זוכרים כלל מעניני עולם הזה.

[יט] עיין **בייטב לב** פרשת חקת וז"ל: מצינו בכל התורה כולה, כי לאו כל מוחא סביל להבין ולהשכיל רזי התורה וטעמיה הצפונים, כי אם למשה לבדו כל רז לא אניס ליה, וממילא כל מה שעשו ישראל וכל מה שאנחנו עושים, הכל הוא על דעתו וכוונתו של משה באותן המצות. דוגמא לדבר, מה 'שאנו אומרים' בערב ראש השנה (במסירת מודעה), לְיַחֲדָא שְׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, עַל דַעַת רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי וְרַבִּי אֶלְעָזָר בְּנוֹ, וּמוֹרֵינוּ הָרַב רַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה.

ועיין עוד **באגרא דכלה** פרשת נח (ו, כב): להיות נח הצדיק חשב פן לא יצא ידי חובתו בכל הכוונת כרצון המצוה יתי', על כן עשה הכל על דַעַת המקום, ועל כל דבר היה אומר על דַעַת הבורא המצוה ברוך הוא. וכן קבלנו בכל עשיית המצות, לומר על דַעַת הרשב"י והאר"י ז"ל ועל דַעַת כל הצדיקים, כנודע.

וכן נהגו צדיקים ואנשי מעשה לומר **בערב ראש השנה**, בנוסח המסירת מודעה שבסוף התרת נדרים, כנדפס בסידור **תפילה ישרה**, ועוד. ומקורו מהחיד"א בספר **עבודת הקודש** (צפורן שמיר יב, רו). וכן נהג רבינו לומר גם תפילה זו בעת התרת נדרים.

[כ] וז"ל רבינו בס"ג **פרה תש"כ** (לשו"ק אות פג-פד): אַז מ'טוט אַ מצוה, טוט מען [עס] עַל דַעַת רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי און עַל דַעַת רַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא, אַזוי ווי מ'זאָגט. - אַזוי ווי דער **הייליגער דברי חיים** פלעגט צו זאָגן אַסאַך מאָל, ביי קריאת שמע שעל המיטה, [שמקבל עליו מסירת נפש בד' מיתות בית דין] **עַל דַעַת רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, וְרַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא, וְעַל דַעַת רַבֵּנוּ מֹשֶׁה בֶּן מַיְמוֹן**. און אַמאָל [=לפעמים] האָט ער געזאָגט **עַל דַעַת הַטוּרֵי זָהָב**. - [וע"ע בזה בס"ג נצבים וילך תשי"ג (שהוא כב' שבתות לפני זה, בלשון קדשו אות לב)].

[כא] ועיין עוד בזה באורך **בס"ג ויחי תשט"ו, ואתחנן תשכ"ז**. (וע"ע לקמן בהערה כד).

KolSatmar.com

**דעס וואָס די 'פריערדיגע' האָבן מְיַחֵד געווען השם יתברך.** [ועבודתם עדיין תלויה ועומדת למעלה לפעול פעולתן][כב].

**כח**

**ישוב קושיא ה**

וְעַל זֹאת אֲנִי בּוֹטֵחַ עתה בדור הזה "בְּאוֹמְרִים" ה' אֶחָד, שקריאת שמע שלנו הוא רק כבחינת אמירה בלבד, נגד קריאת שמע שלהם. אבל על ידי שאנו מזכירין עבודת הצדיקים ומייחדין את ה' 'על דעתם', על ידי זה מוֹשְׁכִים כּוּלָּם יַחַד מִזֶּה "אֶחָד" וּמִזֶּה, שעבודתינו עם עבודתם באמירת ה' אחד, מצטרף "כולם יחד", עבודת הצדיקים "מזה", ועבודה שלנו "מזה"

[וממילא] **וְעַל זֹאת אֲנִי בּוֹטֵחַ "בְּאוֹמְרִים" ה' אֶחָד,** [וואָס] **אונז "זאָג" מיר נאָר** [ה' אֶחָד, שעבודתינו יכונה רק בבחינת 'אמירה' בלבד].

**אונז "זאָג" מיר נאָר, און ס'איז אָבער מצטרף** [עם יחוד ה' של הצדיקים הקודמים, ובכן] **וּמוֹשְׁכִים כּוּלָּם יַחַד "מִזֶּה" אֶחָד "וּמִזֶּה", 'אי'** [=סיי] **די אַלע די 'פריערדיגע' וואָס ס'איז שטאַרק די עבודה, און** [סיי] **דאָס היצטיגע, אינאיינעם, מִזֶּה "אֶחָד" וּמִזֶּה, אינאיינעם,** [מצטרף היחוד של ה' "אחד", של עתה, ושל צדיקים הקודמים. ועל ידי זה יש חשיבות גם לקריאת שמע ותפילות שלנו].

**כט**

וכשמצטרף עבודת כולם ביחד, די בזה לעורר רחמי שמים על ישראל, אף שבעוה"ר 'בְּיָדִי אֵין מַעַשׂ'

[וכשמצטרף גם כח הצדיקים הקודמים עם כח הקריאת שמע והתפילות שלנו] **דאָס איז שוין גענוג בְּכֹחַ,** [אויף] **'מְעוֹרֵר רַחֲמֵי שָׁמַיִם' צו זיין אויף אידן, אפילו** [ס'איז] **בְּיָדִי אֵין מַעַשׂ וְעַל זֹאת לִבִּי יִפְחַד**[כג].

**ל**

וזהו כל ההתחזקות בדור עיקבא דמשיחא, דאף שעבודתינו הוא בשפלות המצב, אבל בכח העבודה של צדיקים הקודמים, נוושע לבסוף בתשועת עולמים

**דאָס איז דאָס גאַנצע התחזקות, בעיקבא דמשיחא, וויאַזוי ס'זעט אויס** [העבודה שלנו], **ווען מ'איז בְּשִׁפְלוּת.**

**אָבער אידן וועלן דאָך 'נאָר געהאָלפן' ווערן. אַצינדערט אין דעם שִׁפְלוּת, וועט מען דאָך נאָר געהאָלפן ווערן.** [און] **דאָס איז דער כח, בכח די עֲבוֹדָה פון די פריערדיגע. זייערע קָרְבָּנוֹת, מיט זייער עֲבוֹדָה, מיט זייערע תְּפִלּוֹת**[כד].

---

[כב] וכהקדמה הנזכרת שהתחיל רבינו בה לעיל בשם הנזר הקודש. (דגם חרוז זה מתפרש על פי הקדמה הנזכרת, וכמו שהזכיר רבינו לעיל באות י דהכל יבואר על מכוון אחד).

[כג] ועל כן הוצרך להוסיף ההקדמה של אֲבָל "בְּזָכְרִי מַלְכוּת יִחוּד שֵׁם הַמְיוּחָד", כי בלשון זה מזכירים היחוד והעבודה של הצדיקים, שזהו עיקר הכח והזכות שלנו, אף כשאין בידינו מעש. וממילא מיושב היטב קושיא ג.

[כד] ועיין בחינה זו יותר בארוכה בסעודת ערב יום כיפור תשכ"ח וז"ל: נאָר אָבער, **בְּזָכְרִי מַלְכוּת שֵׁם הַמְיוּחָד**, אַ איד וואָס זאָגט קריאת שמע יעדן טאָג, צוויי מאָל אין טאָג, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד, וואָס איז פְּשַׁט שְׁמַע "יִשְׂרָאֵל", [הול"ל סְתָם] ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד, אַוודאי זאָגט מען פאַר 'אידן', וואָס דען? פאַר גוים? מ'הייבט בכלל נישט אָן קיין שום [זאַך], ווען מ'איז אויף זיך מקבל יעדע מחשבה יעדע נקודה, הייבט מען נישט אָן מיט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל.

נאָר אין מדרש רבה (ויחי צח, ג) שטייט, **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל**, זאָגט ער צוויי פְּשָׁטִים אין מדרש רבה, ווען יעקב אבינו איז געקומען און ער האָט געוואָלט בענטשן די קינדער די שבטים, די הייליגע שבטים, דאָרטן איז דאָך געווען, קודם איז דאָך געווען ער האָט נישט געקענט, נסתלקה ממנו שכינה, האָט ער געזאָגט שמא יש באחד מכם [פסול, אמרו לו] כשם שאין בלבך [אלא אחד] כך אין בלבינו [אלא אחד]. לכאורה וואָס הייסט "כשם שאין בלבך" אין בלבינו, איז דען פאַרהאַנדן צוויי ערליי אחדות ה', [הול"ל] אין בלבינו אלא אחד, פאַרוואָס דאַרף ער מיר זאָגן "כשם", איז דען פאַרהאַנדן וואָס ס'איז נישט אַזוי.

[נאָר] אין דער אֱמֶת'ן אַריין איז דאָך עס טאַקע נישט אַזוי [שיש אחדות ה' באופן אחד], וואָרן ווי העכער

## לא
## ברכת הקודש

**דער אייבירשטער זאָל העלפן:**

**מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָל מיר גיין אויף זייער דֶּרֶךְ.**

**[וממילא] אפילו מ׳איז דערפון ווייט בתכלית הריחוק, אָבער [אַז] על כל פנים מ׳גייט זייער דֶּרֶךְ, מ׳איז מְיַחֵד הקדוש ברוך הוא "עַל דַּעְתָּם", מ׳איז מקבל דעם עול מלכות שמים "על דעתם", איז מען זיך מצרף [עם תפילותיהם ועבודתם], אַז דער בורא כל עולמים זאָל העלפן - ס׳איז "ערב יום כיפור" - אַז ס׳זאָל זיין זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ.**

**דער אייבירשטער זאָל העלפן:**

**מ׳זאָל די זכיה האָבן אין זייער כח, אין זייערע זכותים, [אַז] מ׳זאָל דורכגיין - דער אייבירשטער זאָל העלפן - דעם שווערן טאָג.**

**ס׳זאָל נִתְעוֹרֵר ווערן רַחֲמֵי שָׁמַיִם אויף אידן, אַזוי ווי דער תַּכְלִית הַבְּרִיאָה איז.**

**מ׳זאָל זוכה זיין לשנת גאולה וישועה. שנת התרוממות קרן התורה וישראל. שנת התגלות כבוד שמים עלינו. במהרה בימינו אמן.**

---

מ׳איז, ווי מער הַשָּׂגָה מ׳האָט, איז מען דאָך אַנדערש מייחד את הקב״ה, ס׳שטייט (בסידורו של שבת ח״ב, דרוש ג פ״ג) **רבי סעדיה גאון** האָט געזאָגט, ווען ער האָט משיג געווען מער, האָט ער תשובה געטון פאַרוואָס ער האָט נישט איידער, פריער, נעכטן, אַזוי געדינט דעם באַשעפער. איז דאָך עס אַנדערש דער מייחד זיין את ה׳, זאָגט מען דאָך אַנדערש דעם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, טאַקע דער זעלבער [מענטש, כשמוסיף יותר במדריגה. וא״כ באמת] איז עס דען אַזוי געווען [יחוד הַלֵּב של השבטים כשל יעקב אבינו].

נאָר, ער האָט דאָ מורא געהאַט, די הייליגע שבטים - זיי האָבן טאַקע מייחד ה׳ געווען - אַז ס׳איז נישט אַזוי בשלימות די עבודה, האָבן זיי געזאָגט אַז זיי זענען זיך מְקַשֵּׁר מיט אים, און אַז מ׳איז זיך מְקַשֵּׁר, ממילא איז מען משותף איז מען באגודה אחת מיט [יעקב אבינו]. ביי אַ מצוה שטייט דאָך אַז מ׳טוט צוזאַמען איז מען מקושר איינער מיטן אַנדערן, אלמלא היו ישראל באגודה אחת אין שום אומה ולשון יכולין לשלוט בהן (כן הובא בישמח משה ריש וישב וריש כי תשא בשם רז״ל והגמרא. ועי׳ תנחומא נצבים סוף סימן א). האָבן זיי געזאָגט **"כשם שאין בלבך אלא אחד" כך אין בלבינו, אונז גיי מיר ׳דעם׳ וועג, אונז וויל מיר נישט מְשַׁנֶּה זיין פון קְדוּשַּׁת אֲבוֹתֵינוּ**, מ׳איז זיך מְקַשֵּׁר מיט די פריערדיגע און מ׳זוכט דעם אמת, איז ממילא זעמיר אין "דער" כְּנוּפְיָא, מ׳זעמיר באַטייליגט אין די זעלבע .. דאָס האָבן זיי אים געענטפערט דערויף.

אַ חידוש דער מדרש זאָגט ווייטער, **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל** וואָס מ׳זאָגט [בכל יום], - דער מדרש רבה דאָרט אין פרשת ואתחנן (ב, לד) - מ׳זאָגט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, מ׳זאָגט עס פאַר יִשְׂרָאֵל סָבָא, ווען אידן זאָגן **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל** [הכוונה אל] "יִשְׂרָאֵל סָבָא", דעס וואָס אונז האָב מיר דעמאָלטס געזאָגט ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד, דעס זאָג מיר נאָך היינט אויך, אַזוי זאָגט דער מדרש. לכאורה וואָס דאַרף מען דערציילן, פאַר ישראל סבא. נאָר טאַקע דאָ איז די זעלבע בחינה, מ׳וויל מזכיר זיין שמע [ישראל] אַז מ׳זאָל וויסן אַז מ׳איז מייחד ה׳ ברוך הוא אויף ׳דער׳ בחינה, אַזוי ווי ס׳איז געוועזן פריער ביי די אבות הקדושים, מ׳איז נישט חלילה מְשַׁנֶּה מְאוּמָה, מ׳טוט נישט אַריין קיין נקודה, נישט קיין שינויים, קיין אַנדערע דרכים מדרכים [שונים], וואָרן מ׳פאַלט אַריין אין דרכים לא טובים און מ׳זאָגט אַז אַזוי איז גאָר דאָס אחדות ה׳, זאָגט מען ניין, מ׳איז מייחד ה׳ און מ׳זוכט כבוד שמים אויף ׳דעם׳ דרך ווי די פריערדיגע האָבן געדינט. איבערדעם שטעלט מען אַן הקדמה **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל**, פאַר ישראל סבא, אויף ׳דעם׳ אופן זאָג מיר **ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד**.

היצט איז אַזוי, נו אַז מ׳האָט מורא [שֶׁבְּיָדִי אֵין מַעַשׂ], ווי דער אמת איז דאָס איז דאָך דער גרעסטער פחד, מ׳ווייסט דאָך וואו ווייט מ׳האַלט מיר. דער אייבירשטער העלפט מ׳איז זיך אָבער מְקַשֵּׁר, איבערדעם זאָגט מען, לאָזט מען אויס אֲבָל בִּזְכְרִי ווען מ׳געדענקט מַלְכוּת שֵׁם הַמְיוּחָד, אויף וואָס פאַר אַ בחינה מ׳זאָגט, קומט דאָך אויס איז מוֹשְׁכִים מִזֶּה וּמִזֶּה, אַז מ׳איז מקושר, אַז מ׳איז מקושר מיט איינעם איז מען ממילא איז מען דאָך נישט אַליין, איז מען דאָך מקושר מיט די פריערדיגע, די פריערדיגע צדיקים, די פריערדיגע קדושים, מ׳איז מייחד ה׳ ברוך הוא אויף ׳דער׳ בחינה, איבערדעם זאָגט מען טאַקע **בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד** אַזוי ווי יעקב אבינו האָט געזאָגט, כ׳האָב שוין פאַרענטפערט אַמאָל פאַרוואָס מ׳זאָגט הויעך [ביום הכיפורים], נאָר ס׳שטייט טעמים דערויף אַנדערע, אָבער על כל פנים מ׳איז זיך מְקַשֵּׁר מיט ׳די׳ קדושה.

KolSatmar.com

בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

בסעודת

## מוצאי יום כיפור תשי"ד

אֵין קֵץ לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ, וְאֵין מִסְפָּר לְנִיחוֹחֵי אַשְׁמָתֵינוּ

• ע"י ענוה ושפלות רוח, יכולין להקריב קרבנות בכל עת ובכל שעה • עובדא מהישמח משה: שראה את אליהו עומד בַּשָּׁמַיִם בבגדי כהונה ומקריב הקרבנות • הדברי חיים אמר באכילת אפיקומן, כי אליהו מקריב קרבן פסח, ומביא בְּשַׂר הַפֶּסַח לצדיקי הדור • בזמן הזה אליהו מקריב כל קרבנות יום הכיפורים, וגם מביא שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ • כשאליהו בא לעולם הזה בלבוש בני אדם, הוא מחויב במצות. וכשבא בלבוש מלאך, פטור מן המצות • הרמב"ם אינו מביא בספרו רק דברים המבוארים בגמרא • אליהו הנביא מְכַפֵּר תמיד ואומר 'הֲרֵינִי כַּפָּרַת כָּל יִשְׂרָאֵל' • שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ מכפר על הכל גם בזמן הזה, ואין צריכין ליסורים ויום המיתה, כשעושין תשובה •

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"א לפ"ק

KolSatmar.com

**לשון קדשו - קונטרס קסג**

(22 מינוט) **כמעט קלאָר**

★ ★ ★ ☆ ☆

יצא לאור ע״י

## מערכת לשון קדשו

צו מנדב זיין לרגל א שמחה אדער א יארצייט רופט: 1-514-585-3040 / 1-718-388-5519

---

**צענטראלע נומער:**

# 929-522-1515

ארץ ישראל **072-3275205** מאנטריאל **438-797-0770** ענגלאנד **0330-350-3110**

**צו הערן די רעקארדינג:** דרוק **#1**, דערנאך קונטרס נומער **163**

איר קענט אויך לאזן הודעות הערות ותיקונים, און מנדב זיין

מען קען אויך הערן די רעקארדינגס:

ניו יארק **718-298-4641** ארץ ישראל **072-3333419**

מוצאי יום כיפור תשי״ד #←314.2←6←16

לעילוי נשמת

הרה״ח ר׳ **משה מנחם**
ב״ר **יוסף** ז״ל
נפטר ערב פסח תש״פ

הרה״ח ר׳ **מרדכי משה ספרא**
ב״ר **יחזקאל שרגא** ז״ל
נפטר ה׳ ניסן תש״פ

KolSatmar.com

## א
# קושיות ודקדוקים בנוסח תְּפִלַּת נְעִילָה

[בתפילת נעילה (ד"ה אַתָּה נוֹתֵן יָד לַפּוֹשְׁעִים)]:

**וּתְקַבְּלֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ כְּאִשִּׁים וּכְנִיחוֹחִים, לְמַעַן דְּבָרֶיךָ אֲשֶׁר אָמַרְתָּ**[א], **וועגן דיינע רייד וואָס דו האָסט געזאָגט, אֵין קֵץ לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ, וְאֵין מִסְפָּר לְנִיחוֹחֵי אַשְׁמָתֵנוּ.**

## ב
### קושיא א

**א)** [ולכאורה אומרו "אֲשֶׁר אָמַרְתָּ" קשה] **וואו שטייט דאָס ערגעץ. ס'שטייט נישט אין ערגעץ, דער אֵין קֵץ איז נישט קיין פסוק,** [און] **נישט קיין מאמר חכמינו ז"ל.**

## ג
### קושיא ב

**ב) אֵין קֵץ לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ. ס'האָט עפעס נישט קיין 'טייטש'** [=פְּשַׁט] **אויך נישט, וואָס הייסט אֵין "קֵץ"** [לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ], **וְאֵין "מִסְפָּר"** [לְנִיחוֹחֵי אַשְׁמָתֵינוּ], [ס'איז] **נישטאָ קיין מִסְפָּר?**

## ד
### הוספה לקושיא א

**ביי אידן שטייט** (הושע ב, א) **וְהָיָה מִסְפַּר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** [כְּחוֹל הַיָּם] **אֲשֶׁר לֹא יִמַּד וְלֹא יִסָּפֵר.** [ועם כל זה גם שם] **איז אויך אַמאָל** [פאַרהאַן] **אַ מספר**[ב].

[אָבער] **דער אֵין מִסְפָּר** [לענין 'קרבנות'], **איז אַ זאַך וואָס שטייט נישט אין ערגעץ.**

## ה
### פירוש סידור היעב"ץ בזה

**איך האָב געזען אַז רבי יעקב עמדין אין סידור, ברענגט ער דאָרט** [פסוקים][ג], **ער זאָגט דאָרט פְּשַׁט עפעס, אַז ווען ס'זאָל גיוועז זיין קרבנות** [בזמן הזה], **העט נישט געהאַט קיין עק וויפיל מ'העט געברויכט צו ברענגען. אַזוי ווי ס'שטייט - ברענגט ער די אַלע פסוקים - כִּי לֹא תַחְפֹּץ זֶבַח וְאֶתֵּנָה** (תהלים נא, יח), **הַחֵפֶץ לַה' בְּעֹלוֹת** (שמואל א' טו, כב), **און** [לֹא דִבַּרְתִּי אֶת אֲבוֹתֵיכֶם] **וְלֹא צִוִּיתִים** [וגו' עַל דִּבְרֵי עוֹלָה וָזָבַח] (ירמי' ז, כב).

**אַזוי ברענגט רבי יעקב עמדין, אַזוי זאָגט ער.**

---

[א] **במחזורים ישנים** (והוא מנוסח הגאונים) **הנוסח היא: לְמַעַן דְּבָרֶיךָ וְדִבְרֵי פִּיךָ בַּעֲבוּר שֶׁאָמַרְתָּ אֵין קֵץ וכו'. - וכעין זה במחזור שער השמים** (כמנהג פולין)**: לְמַעַן דְּבָרֶיךָ וְדִבְרֵי פִּיךָ אֲשֶׁר אָמַרְתָּ אֵין קֵץ וכו'** (מבלי הפסק נקודה בינתיים כרגיל)**. ובסידור רב עמרם גאון: לְמַעַן דְּבָרֶיךָ וְדִבְרֵי פֶּה אֶל פֶּה, בַּעֲבוּר אָמַרְתָּ אֵין קֵץ לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ וכו'.**

[ב] **כלשון הרישא דקרא "וְהָיָה מִסְפַּר". וכמבואר בגמרא יומא** (כב:)**: אמר רבי שמואל בר נחמני, רבי יונתן רמי, כתיב** (הושע ב, א) **וְהָיָה מִסְפַּר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּחוֹל הַיָּם, וכתיב** [בהמשך הפסוק] **אֲשֶׁר לֹא יִמַּד וְלֹא יִסָּפֵר. לא קשיא, כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, כאן בזמן שאין עושין רצונו של מקום.**

[ג] **בסידור היעב"ץ** (בפירוש תפילת נעילה)**: אֵין קֵץ לְאִשֵּׁי. אם הָיִינוּ מוכרחים להקריב אִשִּׁים דוקא, לא היה קץ ומספר להם, כִּדְבַר הנביא** (מיכה ו, ו-ז) **בַּמָּה אֲקַדֵּם הַאֲקַדְּמֶנּוּ בְעוֹלוֹת, הֲיִרְצֶה ה' בְּאַלְפֵי אֵילִים בְּרִבְבוֹת נַחֲלֵי שָׁמֶן. ואמר המשורר** (תהלים נ, ט-י) **לֹא אֶקַּח מִבֵּיתְךָ פָר מִמִּכְלְאֹתֶיךָ עַתּוּדִים, כִּי לִי כָל חַיְתוֹ יָעַר. ואמר הנביא** (ישעי' מ, טז) **וּלְבָנוֹן אֵין דֵּי בָּעֵר, וְחַיָּתוֹ אֵין דֵּי עוֹלָה. על כן אין חֵפֶץ לַה' בְּעוֹלוֹת** (שמואל א' טו, כב)**, מִתֵּת הַכְּסִילִים זָבַח** (קהלת ד, יז)**, ואומר** (תהלים שם, ח) **כי לֹא עַל זְבָחֶיךָ אוֹכִיחֶךָ וגו'. וישעי' אמר** (א, יא) **לָמָּה לִי רֹב זִבְחֵיכֶם, ירמיה אמר** (ו, כ) **לָמָּה זֶה לִי לְבוֹנָה מִשְּׁבָא תָבוֹא, ואמר** (ז, כב) **כִּי לֹא דִבַּרְתִּי וגו' עַל דִּבְרֵי עוֹלָה וָזָבַח, הושע אמר** (ו, ו) **כִּי חֶסֶד חָפַצְתִּי וְלֹא זָבַח, וְדַעַת אֱלֹקִים מֵעֹלוֹת, ואומר** (שם יד, ג) **קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה' וגו' וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ. זהו** [שממשיכים ואומרים בתפילת נעילה "לְפִיכָךְ] **הִרְבֵּיתָ סְלִיחָתֵנוּ", שאתה מתרצה בפיוס דברים.**

KolSatmar.com

ו

**אבל עדיין קשה קושייתינו**

**אָבער דאָס שטעלט זיך דאָך נישט אַריין אין דעם.**

קודם [עדיין יוקשה קושיא א הנזכר, ווייל] **דאָרט שטייט נישט** [דער לשון] **״אֵין קֵץ״,** [און] **ס׳שטייט נישט ״אֵין מִסְפָּר״.**

**ער זאָגט נאָר** [מסברא] **אַז ווען מ׳העט געברויכט** [קרבנות, אז לא היה קץ למספרם], **און דאָס ׳שטייט׳ דאָך נישט** [באלו הפסוקים], **ער זאָגט נאָר** [בהפסוקים, אַז] **איך וויל נישט נעמען** [לקבלם לרצון, אפילו כשאתם כבר מביאים].

**׳איבערהויפט׳ שטייט נאָר דאָרט,** [אַז] **הקדוש ברוך הוא מיינט נישט ׳דאָס׳ דער עיקר** [עצם הבאת הקרבנות, רק העיקר הוא התשובה ועבודת ה׳].

ז

**און** [עדיין יוקשה גם קושיא ב הנזכר] **וואָס הייסט עפּעס אֵין קֵץ וְאֵין מִסְפָּר. וואָס הייסט עפּעס, ס׳איז אַ דבר שאינו מובן.**

ח

**סיום קושיא א**

[ועכ״פ צריך ביאור אומרו] **לְמַעַן דְּבָרֶיךָ אֲשֶׁר אָמַרְתָּ, וועגן דיינע רייד** [וואָס דו האָסט געזאָגט], **וואָס דאָס ווייזט אַז ס׳איז דאָ אויף דעם עפּעס אַ** [מקור], **עפּעס איז דאָ אויף דעם, אַ פסוק,** [צי] **אַ מימרא. און** [דערווייל] **דאָס איז אַזאַ זאַך וואָס שטייט נישט אין ערגעץ, מ׳געפינט נישט קיין פסוק מיט די מימרא.**

**ס׳איז אַ פלא. כ׳האָב נישט געזען דערויף קיין שום פירוש, קיין שום פירוש המספיק וואָס ס׳איז מִתְיַישֵׁב עַל הַלֵּב.**

ט

# ישוב הקושיות

**פירוש הייטב פנים בזה**

**דער ייטב פנים**[ד] **וויל זאָגן בדרך אגדה,** [אַז] **ס׳גייט אַרויף אויף תשובה.** [דעל ידי תשובה מאהבה נתהפכים כל השגגות וזדונות לזכיות, והם נחשבים כְּאִשִּׁים וּכְנִיחוֹחִים, ואותן הזכיות הם לְאֵין קֵץ וּמִסְפָּר כיון שבעוה״ר החטאים היו לאין מספר].

[אבל לפי פשוטו דקאי על הקרבת ׳קָרְבָּנוֹת׳, עדיין צריך ביאור].

י

**הקדמה לישוב קושיא א-ב (באופן ראשון)**

**אָבער אין פַּשְׁטוּת** [דקאי על הקרבת קרבנות], **פשוט קען מען אפשר זאָגן,** [בהקדם וואָס] **איך ׳פלעג׳ צו טייטשן**[ה] [לשון הפסוק] (פינחס כח, ו) **עֹלַת תָּמִיד הָעֲשֻׂיָה בְּהַר סִינַי.**

---

[ד] **בייטב פנים** (מאמר תוכחת מוסר לי״ג מדות וצום העשור, אות מג): **בתפלת נעילה, וּתְקַבְּלֵינוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה לְפָנֶיךָ כָּאִישִׁים וּכְנִיחוֹחִים וכו׳, אֵין קֵץ לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ וְאֵין מִסְפָּר לְנִחוֹחֵי אַשְׁמוֹתֵינוּ, וְאַתָּה יוֹדֵעַ כו׳.** להבין איך יהיו כָּאִישִׁים וּכְנִחוֹחִים. כבר אמרתי, על פי הידוע כי בראש השנה ויום הכיפורים חיל ורעדה יאחזון ועושים תשובה מִיִּרְאָה, אחר זה מתחילין מצות עשיות סוכה וארבע מינים שבלולב זמן שמחתינו ועושים תשובה מֵאַהֲבָה וּבְשִׂמְחָה, וכבר אמרו (יומא פו:) תשובה מיראה זדונות נעשו כשגגות, שנאמר (הושע יד, ב) **שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל וגו׳ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ,** ובתשובה מאהבה זדונות נעשו זכיות, שנאמר (יחזקאל לג, יט) **וּבְשׁוּב וגו׳ עֲלֵיהֶם הוּא יִחְיֶה.** וזה שאומרים בנעילה עת צאת ופנות היום, **וּתְקַבְּלֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה לְפָנֶיךָ,** היינו תשובה מאהבה, אז נעשו חובותינו כָּאִשִּׁים וּכְנִחוֹחִים, שנהפכו זכיות לכן **אֵין מִסְפָּר לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ וכו׳.** [ועיי״ש עוד].

KolSatmar.com

**יא**

וואָרן די **גמרא זאָגט** (סוטה ה: וסנהדרין מג:), **כל מי שדעתו שְׁפֵלָה עליו, אַז אַ איד איז ביי זיך 'צובראָכן', איז כאילו הקריב כל הקרבנות כולם, ווי גלייך ער העט מקריב געווען כל הקרבנות כולם, שנאמר** (תהלים נא, יט) **זִבְחֵי אֱלֹקִים רוּחַ נִשְׁבָּרָה.**

**יב**

**נו אַ קָרְבָּן קען מען דאָך נאָר מַקְרִיב זיין** [בזמן שבית המקדש קיים, און] **אפילו בזמן שבית המקדש קיים האָט מען נישט געקענט "כסדר" מקריב זיין קרבנות** [בכל עת ובכל שעה, וכגון בלילה, או בשבתות]. [און נישט] **"איבעראַל".**

**און אַז איינער איז צובראָכן** [שדעתו שפלה עליו], **און מ'איז מיט 'דעם' מקריב קרבנות, דעס איז 'כסדר'** [שייך, בכל עת ובכל מקום].

**יג**

[והנה לשון] **"סיני"** [מורה על ענוה], **ווי זיי זאָגן**[ו] [לפרש לשון המשנה] (אבות א, א) **משה קיבל תורה** [מסיני, כי משה רבינו זכה לקבל על ידי שהיתה בו מדת ענוה, כהר סיני שנמוך מכל ההרים, אשר לכן נבחר הר סיני ליתן עליו התורה].

[ווי] **די גמרא זאָגט דאָך אַז הקדוש ברוך הוא האָט בוחר געווען אין סיני** [לפי שנמוך מכל ההרים, **זאָגט די גמרא אין מגילה**[ז] [אַז] **מ'האָט געגעבן די תורה הקדושה אויפן באַרג סיני** [ולא על הרים הגבוהים, ווייל הר סיני] **דאָס ווייזט אויף שפלות רוח,** [להורות כי כך דרכה של תורה] **מ'זאָל זיין ביי זיך צובראָכן.**

---

[ה] עיין זה בדברי רבינו **לשמיני עצרת תרפ"א, ונדפס בדברי יואל לשמיני עצרת** (אות א).

[ו] **בנועם אלימלך** (פרשת לך, ד"ה וילך): **דהנה השי"ת ברוך הוא בחר בהר סיני מכל ההרים ליתן עליו את התורה, מחמת שהוא נמוך מכל ההרים. דעיקר הוא לעסוק בתורה בהכנעה. ומשה רבינו ע"ה היה עניו מכל אדם, והיה מוכשר ומוכן לקבל התורה על ידי הכנעה שבו, מהר סיני שהיה גם כן בבחינה הכנעה כדאיתא במדרש** (זוהר ח"ב כא.) **כשראה הר סיני את משה היה רץ לקראתו והטעם מחמת שהיו שניהם בבחינת הכנעה. ולכן נאמר משה קיבל תורה "מסיני", רוצה לומר 'ממדרגת סיני' שהוא הכנעה. ולא כן שאר ישראל שלא היו בבחינה הכנעה, ולכן היו קולות וברקים, כדי לשבר אותם ולהביאם אל הכנעה.** (וע"ע בזה בנועם אלימלך ריש פרשת בהר).

**ובעבודת ישראל** (בדרושי מסכת אבות): **משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע.** כבר אמרנו על שהיה בבחינת ומדרגת סיני, כדכתיב (בהעלותך יב, ג) וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאוֹד. כי זה אחד ממ"ח דברים שהתורה נקנית בהם (אבות ו, ו), וזהו עמוד ויסוד להעבודה ותורה ותפלה, כי כפי גודל הענוה כן יוכל לקבל הקדושה מהבורא יתברך, כי הוא מדה במדה כמו שכתבנו לעיל, אם האדם הוא שפל בעצמו ועניו, אז גורם שגם השי"ת משפיל ומצמצם עצמו כביכול אל זה האדם. אבל אם הוא מתגאה בדעתו רח"ל, שחושב שעובד את השי"ת בכחו, אז גם השי"ת גם כן אינו מצמצם עצמו, ולפי גדלו בוודאי אי אפשר לקבל ממנו.

ועיין עוד **בקדושת לוי** (בדרושי מסכת אבות): **משנה משה קיבל תורה מסיני.** יש לדקדק דהוה ליה לומר בסיני. ונראה לבאר דהנה כתיב וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאוֹד מִכֹּל הָאָדָם כו', וכן במצרים אמר (שמות ג, יא) מִי אָנֹכִי כִּי אֵלֵךְ וכו' וְכִי אוֹצִיא, וכשאמר לו הקב"ה שיתן התורה על ידו והוא יהיה רבן של כל ישראל, לא סירב כלל, והיכן ענותנותו. אמנם אדרבא היא הנותנת, כי משה רבינו ע"ה הסתכל שהתורה תנתן על הר סיני, והטעם כמו שאמרו רבותינו ז"ל (סוטה ה.) לפי שהוא נמוך מכל ההרים, וראה שאין התורה ניתנת כי אם על ידי השפל והגרוע מהכל, לכן מיד נתרצה שתנתן התורה על ידו, מחמת רוב ענותנותו שחשב שאין בישראל גרוע ממנו, ואין התורה ניתנת כי אם על ידי השפל והגרוע מהכל. וזהו משה **קיבל תורה**, וקשה כנזכר, והיכן ענותנותו. לזה אמר מסיני, שלמד מסיני שניתן עליו התורה ולא על שאר ההרים, מפני שהוא נמוך מכל ההרים, לכן גם הוא נתרצה מיד להנתן התורה על ידו.

[ז] **בגמרא מגילה** (כט.): דרש בר קפרא, מאי דכתיב (תהלים סח, יז) לָמָּה תְּרַצְּדוּן הָרִים גַּבְנֻנִּים, יצתה בת קול ואמרה להם [להר תבור וכרמל], למה תרצו דין עם סיני, כולכם בעלי מומים אתם אצל סיני. כתיב הכא גַּבְנֻנִּים, וכתיב התם (אמור כא, כ) אוֹ גִבֵּן אוֹ דַק. אמר רב אשי, שמע מינה האי מאן דיהיר בעל מום הוא:

ועיין עוד **בגמרא סוטה** (ה.): [מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן] וְאֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ (ישעי' נז, טו), רב הונא ורב חסדא, חד אמר אִתִּי דַּכָּא, וחד אמר אֲנִי אֶת דַּכָּא. ומסתברא כמאן דאמר אֲנִי אֶת דַּכָּא, שהרי הקב"ה הניח כל הרים וגבעות והשרה שכינתו על הר סיני, ולא גבה הר סיני למעלה. [ועיין עוד בבמדבר רבה יג, ג].

KolSatmar.com

**יד**

זאָגט דער פסוק: **עוֹלַת תָּמִיד,** וויאַזוי קען זיין עוֹלַת ״תָּמִיד״ [שיהא מקריב קרבנות בתמידיות ממש, בכל עת], **הָעֲשֻׂיָה בְּהַר סִינַי, אַז ס׳איז געמאַכט מיט דער בחינה פונעם ״הר סיני״,** [דהיינו כשיש לאדם שהיא מדת הענוה ושפלות רוח], **דאָס איז ״עוֹלַת תָּמִיד״.**

[עד כאן ממה שפירשתי כבר].

**טו**

**ישוב קושיא א-ב (באופן ראשון)**

אפשר איז דאָס דער פְּשַׁט.

**וּתְקַבְּלֵינוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה, אַז מ׳טוט תשובה, דאָס איז שוין כְּאִשִּׁים וְנִיחוֹחִים.**

[ווייל] **מ׳קאָן דאָך נישט תשובה טון אָן אַ לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה, דאָס איז דאָך דער ערשטער תְּנַאי הַתְּשׁוּבָה. איז עס פונקט ווי קָרְבָּנוֹת.**

אויף דעם זאָגט ער [ווייטער] **לְמַעַן דְּבָרֶיךָ** [אֲשֶׁר אָמַרְתָּ], **ס׳איז ״אֵין קֵץ״** [לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ, ווייל] **אַז דאָס איז כאילו הקריב ״כל הקרבנות כולם״** [כלשון הגמרא הנזכר], **איז דאָס עוֹלַת ״תָּמִיד״,** [וממילא] **איז אֵין קֵץ און אֵין מִסְפָּר, וואָרן אויף דעם אופן איז מען מקריב קרבנות** [בתמידיות, ע״י הענוה שפלות הרוח של הַשָּׁב בתשובה בכל שעה, ונמצא שבאמת אין קץ למספר הקרבנות שנחשב ׳בכל עת ובכל שעה׳ כאילו מקריב ׳כל הקרבנות כולם׳].

**טז**

[ומה שאומר **לְמַעַן דְּבָרֶיךָ אֲשֶׁר אָמַרְתָּ**, הכוונה לדרכינו על מה שנאמר בפסוק **עֹלַת תָּמִיד הָעֲשֻׂיָה בְּהַר סִינַי**[ח].

או הכוונה על הפסוק **זִבְחֵי אֱלֹקִים רוּחַ נִשְׁבָּרָה**, שממנו למדו יסוד זה דמי שדעתו שפילה נחשב כאילו הקריב כל הקרבנות כולם (כן נדפס בספר טיב לבב)].

**יז**

**הקדמה לישוב קושיא ב (באופן שני)**

אָבער עקסטערדעם [יש לפרש], **לויט ווי איך האָב געזאָגט ערב יום הקדוש** (לשו״ק קסב, אות יא-טז), **און ראש השנה געזאָגט** (לשו״ק קסא, אות מח) [בביאור הפסוק] **לְעוֹלָם ה׳ דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם, וואָס דער נזר הקודש זאָגט אויף דעם מדרש** (בראשית רבה נג, ד) [שמביא שם זה הפסוק על הכתוב וַה׳ פָּקַד אֶת שָׂרָה].

איך האָב עס געזאָגט שוין באריכות [בראש השנה, וערב יום כיפור].

**אַז די אַלע תפילות און די אַלע קָרְבָּנוֹת**[ט] **וואָס פריערדיגע צדיקים האָבן געבערענגט ׳פאַרצייטנס׳, דאָס גייט נישט לָרִיק, ס׳איז נישט פאַרהאַנדן** [אַזאַ זאַך], **נאָר ס׳בלייבט** [נצב] **בשמים. ס׳ווערט** [נאָר] **פאַרהאַלטן ביז ס׳קומט אַראָפּ** [השפעתם למטה. אָבער] **לָרִיק גייט עס נישט, אינה חוזרת** [ריקם].

**ער ברענגט עס נאָך פון די ראשונים**[י]**, די פריערדיגע זאָגן עס נאָך, ער דער שערי אורה** (שער ו) **איז אין דעם מאריך, און דער עשרה מאמרות** (בריש ספרו, חקור דין א, א).

**ווען ס׳קומט די צייט, ווען דער אייבערשטער וועט העלפן ס׳וועט זיין אַן התעוררות רצון העליון, וועלן אַפיר קומען די אַלע תפילות און די אַלע קרבנות.**

[עד כאן ממה שאמרתי בראש השנה וערב יום כיפור].

---

[ח] כן משמע מתוך לשון רבינו, דאָס איז ״עולת תמיד״.

[ט] פרט זה של ״קרבנות״ הוא מה שהוסיף רבינו בערב יום הקדוש.

[י] פירוש: די פריערדיגע.

KolSatmar.com

יח

ישוב קושיא ב (באופן שני)

[וממילא] אויף 'דעם' זאָגט מען **אֵין קֵץ לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ וְאֵין מִסְפָּר וכו'**, [ווייל] פון דעם איז דאָ אָן אַ שיעור [כשיצטרף ביחד עבודת 'כל הצדיקים וכל הכלל ישראל' אשר היה במשך 'כל הדורות'][יא].

יט

הקדמה **א'** לישוב הקושיות (באופן שלישי)

נאָר אָבער, נאָר איך קלער אַז [יש לפרש] **נאָך**.

דאָ איז דאָ אַ הערה.

כ

[דהנה] מ'געפין מיר ד' חילוקי כפרה[יב].

[אויב] טוט מען אַן עָוֹן [של ביטול "מצות עשה"] איז מכפר **תְּשׁוּבָה** אַליין.

און ס'איז פאַרהאַנדן עֲווֹנוֹת וואָס ס'מוז זיין **יוֹם כִּיפּוּר**, עיצומו של יום.

און ס'איז פאַרהאַנדן חלילה **יִסּוּרִים**.

און אַמאָל איז פאַרהאַנדן חלילה, ביי "חילול השם", איז[יג], [כדכתיב] (ישעי' כב, יד) אִם יְכֻפַּר הֶעָוֹן הַזֶּה לָכֶם עַד תְּמֻתוּן.

כא

און דער **ברטנורא** זאָגט דאָרט[יד] אויפן אָרט (בסוף יומא), **והני מילי**, די אַלע זאַכן איז נאָר בזמן שאין שם שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ, אָבער אַז ס'איז דאָ אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ, איז עס מְכַפֵּר אויף אַלעמען.

---

[יא] ויתפרש כוונת לשון התפילה **אֵין קֵץ לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ**, על 'הקרבנות' שהקריבו ישראל במשך כל השנים שבית המקדש היה קיים ועבדו את העבודה בבית המקדש, וזכות כל אלה הקרבנות עדיין עומד בשמי מעלה ויפעלו פעולתיהן כשיגע הזמן הראוי. **וְאֵין מִסְפָּר לְנִיחוֹחֵי אַשְׁמוֹתֵינוּ**, הכוונה על 'תפילות' הצדיקים שהפכו אשמותיהם של ישראל מִזָּדוֹן לזכות, וזהו נִיחוֹחֵי אַשְׁמוֹתֵינוּ, שנעשה נחת רוח להשי"ת מן האשמות שנהפכו לזכותים, ועדיין קיימים ועומדים בשמים זכות תפילותיהם והנחת רוח שעשו, ומצפים לזמן שיהיה עת רצון, ואז הכל יתאחדו ויתקבצו לפעול למען הגאולה שלימה. (טיב לבב).

[יב] **בגמרא יומא** (פו.): שאל רבי מתיא בן חרש את רבי אלעזר בן עזריה ברומי, שָׁמַעְתָּ ארבעה **חלוקי כפרה** שהיה רבי ישמעאל דורש, אמר שלשה הן, ותשובה עם כל אחד ואחד. עבר על **עשה** ושב, אינו זז משם עד שמוחלין לו, שנאמר (ירמי' ג, יד וכב) שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים. עבר על **לא תעשה** ועשה תשובה, תשובה תולה ויום הכפורים מכפר, שנאמר (אחרי טז, ל) כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם. עבר על **כריתות ומיתות בית דין** ועשה תשובה, תשובה ויום הכפורים תולין ויסורין ממרקין, שנאמר (תהלים פט, לג) וּפָקַדְתִּי בְשֵׁבֶט פִּשְׁעָם וּבִנְגָעִים עֲוֹנָם. אבל מי שיש **חילול השם** בידו, אין לו כח בתשובה לתלות, ולא ביום הכפורים לכפר, ולא ביסורין למרק, אלא כולן תולין ומיתה ממרקת, שנאמר (ישעי' כב, יד) וְנִגְלָה בְאָזְנָי ה' צְבָקוֹת אִם יְכֻפַּר הֶעָוֹן הַזֶּה לָכֶם עַד תְּמֻתוּן.

[יג] בזהירות לשונו נמנע רבינו מלהזכיר ההמשך.

[יד] **במשנה דיומא** (ח, ח): חַטָּאת וְאָשָׁם וַדַּאי, מְכַפְּרִין. מִיתָה וְיוֹם הַכִּפּוּרִים, מְכַפְּרִין עִם הַתְּשׁוּבָה. הַתְּשׁוּבָה מְכַפֶּרֶת עַל עֲבֵרוֹת קַלּוֹת, עַל עֲשֵׂה וְעַל לֹא תַעֲשֶׂה. וְעַל הַחֲמוּרוֹת הִיא תוֹלָה, עַד שֶׁיָּבוֹא 'יוֹם הַכִּפּוּרִים' וִיכַפֵּר:

ומפרש הברטנורא שם: **חַטָּאת וְאָשָׁם וַדַּאי מְכַפְּרִין**. עם התשובה. ולא חש התנא להזכירה, דמסתמא כשהוא מביא חטאתו ואשמו כבר עשה תשובה, שאם לא היה מתחרט לא היה מביא קרבן: **אָשָׁם וַדַּאי**. כגון אשם גזילות ואשם מעילות: **עַל עֲשֵׂה וְעַל לֹא תַעֲשֶׂה**. הניתק לעשה, תשובה מכפרת. אבל לא תעשה שיש בה מלקות, תשובה תולה ויום הכפורים מכפר.

ומסקנא דמלתא בגמרא, שאם הזיד בעשה ובלאו הניתק לעשה, או שגג בלא תעשה שיש בה מלקות, ועשה תשובה, אינו זז משם עד שמוחלין לו. ואם הזיד בלאו שיש בו מלקות, תשובה תולה 'ויום הכפורים מכפר'. ואם שגג בחייבי כריתות ומיתות בית דין, החטאת מכפרת עם התשובה, ואם הזיד בהם, תשובה ויום הכפורים תולין ויסורין ממרקין. והני מילי כשלא חלל את השם, כלומר שלא חטא והחטיא אחרים, אבל אם חלל את השם, אין כפרתו נגמרת עד שימות. וכל זה **בזמן שאין שם שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ, אבל בזמן שיש 'שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ'**, הוא מכפר על כל העבירות, קלות וחמורות, חוץ מעבירות שבין אדם לחבירו שאין מתכפר לו עד שירצה את חבירו:

KolSatmar.com

[און] דער **תוספות יום טוב** זאָגט[טו], [אַז] דער מקור דערפון איז אין די **משנה** אין **שבועות**[טז], איז עס אויכעט.

**כב**

הגם אין די משנה אין **שבועות** איז נישט אַזוי [מוכרח לפרש כן, שהרי] **דאָרט** ווערט דאָך נישט געמאָלדן קיין ׳חילול השם׳, נאָר [וועגן] **זדונות** [ושגגות], **קלות, חמורות**, די זאַכן וואָס איך לערן אַרויס[יז]. דאָס מיינט מען **עשין** [ולא תעשין], **מיט כריתות**, און **מיתות בית דין**. [אָבער] נישט קיין ״**חילול השם**״.

אָבער זעט אויס [אַז] פון די **סְתָמִיוּת הַמִּשְׁנֶה** [שאמרו הלשון **עַל שְׁאָר עֲבֵרוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה**], האָבן זיי אַזוי געלערנט, [שֶׁמְּכַפֵּר על הכל ממש].

**כג**

און דער אמת, אין **רמב״ם** זעט אויך אַזוי אויס.

דער **רמב״ם** רעכנט אויס[יח] [אַז] ס׳איז מכפר די קרבנות פון יום כיפור, דער **שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ**, [און] די **וִדּוּיִים**. און נאָכדעם זאָגט ער דאָרט צו, **בזמן הזה שאין לנו מזבח**, איז נישט געבליבן נאָר בלויז **תשובה** און **עיצומו של יום**, און ס׳איז דאָ די ד׳ **חילוקי**

---

[טו] **בתוספות יו״ט** (שם, בסוף דבריו): ומה שכתב הר״ב אבל בזמן שיש שם שעיר כו׳. **כדתנן במשנה ו׳ פרק קמא דשבועות, עיין שם.**

[טז] **במשנה דשבועות** (א, ו): **וְעַל זְדוֹן טֻמְאַת מִקְדָּשׁ וְקָדָשָׁיו, שָׂעִיר הַנַּעֲשֶׂה בִפְנִים, וְיוֹם הַכִּפּוּרִים, מְכַפְּרִין. וְעַל שְׁאָר עֲבֵרוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה, הַקַּלּוֹת וְהַחֲמוּרוֹת, הַזְּדוֹנוֹת וְהַשְּׁגָגוֹת, הוֹדַע וְלֹא הוֹדַע, עֲשֵׂה וְלֹא תַעֲשֶׂה, כְּרֵתוֹת וּמִיתוֹת בֵּית דִּין, ׳שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ׳ מְכַפֵּר.**

[יז] כדכתיב (אחרי טז, כא): **וְסָמַךְ אַהֲרֹן אֶת שְׁתֵּי יָדָו עַל רֹאשׁ הַשָּׂעִיר הַחַי, וְהִתְוַדָּה עָלָיו אֶת כָּל עֲוֹנֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאֶת כָּל פִּשְׁעֵיהֶם לְכָל חַטֹּאתָם** וְנָתַן אֹתָם עַל רֹאשׁ הַשָּׂעִיר, וְשִׁלַּח בְּיַד אִישׁ עִתִּי הַמִּדְבָּרָה. - **ועיין בגמרא יומא** (לו:), עונות אלו הזדונות, פשעים אלו המרדים, חטאתם אלו השגגות.

[יח] **ברמב״ם** (תשובה פרק א): כל מצות שבתורה בין עֲשֵׂה בין לֹא תַעֲשֶׂה, אם עבר אדם על אחת מהן בין בזדון בין בשגגה, כשיעשה תשובה וישוב מחטאו חייב להתודות וכו׳. וכן בעלי חטאות ואשמות בעת שמביאין קרבנותיהן על שגגתן או על זדונן אין מתכפר להן בקרבנם עד שיעשו תשובה ויתודו וידוי דברים וכו׳. וכן כל מחוייבי מיתות בית דין ומחוייבי מלקות אין מתכפר להן במיתתן או בלקייתן עד שיעשו תשובה ויתודו, וכן החובל בחבירו והמזיק ממונו אף על פי ששילם לו מה שהוא חייב לו אינו מתכפר עד שיתודה וישוב מלעשות כזה לעולם.

שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ לפי שהוא כפרה על כל ישראל, כהן גדול מִתְוַדֶּה עליו על לשון כל ישראל, שנאמר וְהִתְוַדָּה עָלָיו אֶת כָּל עֲוֹנֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ מכפר על כל עבירות שבתורה הקלות והחמורות בין שעבר בזדון בין שעבר בשגגה בין שהודע לו בין שלא הודע לו הכל מתכפר בשעיר המשתלח, והוא שעשה תשובה אבל אם לא עשה תשובה אין השעיר מכפר לו אלא על הקלות. ומה הן הקלות ומה הן החמורות, החמורות הן שחייבין עליהם מיתת בית דין או כרת, ושבועת שוא ושקר אע״פ שאין בהן כרת הרי הן מן החמורות, ושאר מצות לא תעשה ומצות עשה שאין בהן כרת הם הקלות.

בזמן הזה שאין בית המקדש קיים ואין לנו מזבח כפרה, **אין שם אלא תשובה. התשובה מכפרת על כל העבירות**, אפילו רשע כל ימיו ועשה תשובה באחרונה אין מזכירין לו שום דבר מרשעו, שנאמר (יחזקאל לג, יב) רִשְׁעַת הָרָשָׁע לֹא יִכָּשֶׁל בָּהּ בְּיוֹם שׁוּבוֹ מֵרִשְׁעוֹ. **ועצמו של יום הכפורים מכפר לשבים**, שנאמר (אחרי טז, ל) כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם.

אף על פי שהתשובה מכפרת על הכל ועצמו של יום הכפורים מכפר, יש עבירות שהן מתכפרים לשעתן, ויש עבירות שאין מתכפרים אלא לאחר זמן. כיצד עבר אדם על מצות עשה שאין בה כרת ועשה תשובה, אינו זז משם עד שמוחלין לו וכו׳. עבר על מצות לא תעשה שאין בה כרת ולא מיתת בית דין, ועשה תשובה, תשובה תולה ויום הכפורים מכפר וכו׳. עבר על כריתות ומיתות בית דין ועשה תשובה, תשובה ויום הכפורים תולין ויסורין הבאין עליו גומרין לו הכפרה, ולעולם אין מתכפר לו כפרה גמורה עד שיבואו עליו יסורין וכו׳. במה דברים אמורים בשלא חילל את השם בשעה שעבר, אבל המחלל את השם, אע״פ שעשה תשובה והגיע יום הכפורים והוא עומד בתשובתו ובאו עליו יסורין, אינו מתכפר לו כפרה גמורה עד שימות, אלא תשובה יום הכפורים ויסורין שלשתן תולין ומיתה מכפרת וכו׳.

KolSatmar.com

**כפרה.** רעכנט ער אויס די אַלע זאַכן [שיש דברים שאין מועיל תשובה ויום כיפור לחוד, רק בצירוף היסורים או יום המיתה].

זעט אויס [מדבריו, אַז] דאָס זאָגט ער הערשט [נאָר] דעמאָלטס בזמן הזה, אָבער [בזמן המקדש] ווען ס׳איז דאָ אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ [הרי זה מכפר על הכל][יט].

### כד

קומט אויס, ער האָט [אויך אַזוי] געלערנט פון די סְתָמִיוּת הַמִּשְׁנָה [שבמסכת שבועות], ווייל ער רעכנט אויס אַלדינגס וואָס ס׳איז מכפר, און ער רעכנט נישט מער, מסתמא איז אַלעס נכלל, זעט אויס אַזוי.

– אין **זוהר הקדוש**[כ] איז גאָר דאָ אַ דיעה, אַז גאָר ״בְּפַרְהֶסְיָא״ חלילה, איז פאַרהאַן גאָר אַז ס׳נוצט נישט קיין תשובה. –

אָבער על כל פנים דער ״שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ״, לויטן סְתָמִיוּת הַמִּשְׁנָה איז דער שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ אַלעס מכפר.

### כה

קומט אויס אַז די אַלע **ד׳ חילוקי כפרה** איז נאָר [בזמן הזה], ווייל מ׳האָב מיר נישט קיין שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ[כא].

### כו
### הקדמה ב׳ לישוב הקושיות (באופן שלישי)

איבערדעם מיין איך [לבאר שגם בזמן הזה תועיל תשובה עם יום הכיפורים לחוד על הכל], בלי ספק.

(המשך ענין ולשון זה, באות לז)

---

[יט] וכמו שכתב **בלחם משנה** (שם, ג) וז״ל: [מה שכתב הרמב״ם] **בזמן הזה שאין בית המקדש קיים** וכו׳. הן ארבעה חילוקי כפרה שהוזכרו בפרק יום הכיפורים (יומא פו.) וכו׳. והוקשה לו לרבינו, דהא **במשנה** (דשבועות) אמרו דשָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ מכפר על הקלות ועל החמורות כשעשה תשובה, ואם כן איך קאמר הכא עבר על כריתות ומיתות בית דין דצריך תשובה ויום הכיפורים לתלות ויסורין למרק, וכן על הקלות למה לי תשובה, ביוה״כ לבד סגי, לכך תירץ דהכא [בד׳ חילוקי כפרה דיומא] **איירי בזמן שאין בית המקדש קיים דליכא שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ**, ולכך אינו מכפר וצריך כל הני [חילוקי כפרה].

[כ] לא ידענו כעת מקומו המדוייק. ועיין **במדרש הנעלם** פרשת ויצא: אין לך דבר עומד כנגד חילול ה׳.

ועיין בספר **עץ הדעת טוב** (פרשת אחרי): כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם וכו׳. פה רמז מאמר ר׳ מתיא בן חרש בענין ד׳ חלוקי כפרה וכו׳, כי ביום הזה יכפר עליכם מכל ״חטאותיכם״, אך לא במצות עשה שהם בשב ואל תעשה, כי אין להם צורך אל היום הזה, אלא בתשובה בעלמא. גם מיעט העונות הנקראים פשעים ועונות דשייך בהם כריתות ומיתות ב״ד, שאין די להם להתכפר ביום הכפורים אלא ביסורים וכו׳. גם מיעט עון **חילול השם, המחלל בפרהסיא לפני העם**, כי יוה״כ אינו מכפר אלא כל חטאתיכם **אשר לִפְנֵי ה׳**, ולא אשר הם חילול השם בפרהסיא לפני העם גם כן, באופן כי לפני ה׳ מיעט עון חילול השם, גם מיעט עבירות שבין אדם לחבירו כנודע.

[כא] וז״ל רבינו בסעודת **מוצאי יום כיפור תשכ״ח**: דער אמת זעט מען דאָך אַז ס׳איז אַ חילוק צווישן דיבור [של וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ, ובין הקרבת קרבן בפועל]. וואָרן מ׳זעט אַזוי, אין די משנה זעט אַזוי אויס און אין די גמרא, און אינעם **רמב״ם** זעט אַזוי אויס בפירוש. ער רעכנט אויס, דער שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ איז מכפר אויף כריתות און מיתות בית דין, אויף קלות וחמורות, אויף זדונות און אויף אַלעמען, דערנאָך ברענגט ער, היינט איז נישטאָ קיין שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ, ס׳איז נאָר דאָ תשובה, איז דאָ ד׳ חילוקי כפרה, דעס איז נאָר מְכַפֵּר [כך וכך], תשובה [על מצות עשה] אינו זז עד שמוחלין לו וכו׳, ווידער איז פאַרהאַנדן [מצות לא תעשה] וואָס ס׳איז נאָר יום כיפור [מכפר], ווידער איז פאַרהאַנדן חמורות וואָס ס׳איז תולה [תשובה ויוה״כ], ס׳וועט מוזן זיין חלילה מיט יסורים, און ווידער איז פאַרהאַן אַזוינס [חילול ה׳ שמתכפר רק] במיתה. די **ד׳ חילוקי כפרה** איז נאָר ווען **ס׳איז נישטאָ קיין שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ**, אַזוי זעט אויס אין רמב״ם, אַזוי איז דאָ אַסאַך **מפרשים** זאָגן אַזוי (לחם משנה שם, ועוד).

אין **ירושלמי** זעט אויך אַזוי אויס, ס׳איז אַ פלוגתא אין ירושלמי (עיין שם סופ״ק דשבועות).

אָבער ווען ס׳איז געווען אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ האָט עס אַלעס מְכַפֵּר געוואָרן, ס׳איז נתכפר געוואָרן אויפן אָרט, איז נאָר תשובה מיט יום כיפור. על כל פנים איז אַ חילוק צי ס׳איז דאָ אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ.

KolSatmar.com

### כז

[דהנה] ס׳איז ידוע דאָך פון די מדרשי חכמינו ז״ל[כב], אַז **אליהו** איז מקריב אַלע קרבנות [גם בזמן הזה], אַזוי ווי זיי ברענגן.

ס׳איז ידוע [וואָס] דער **זיידע זכרונו לברכה** ברענגט, דער **ייטב לב** ברענגט דאָך [אַז] ער האָט געהערט פון **ישמח משה** אַז ער האָט [עס] אַליין געזען. ער האָט געזאָגט [אַז] ער האָט געזען עַיִן בְּעַיִן ווי **אליהו** איז עומד מלובש בבגדי כהונה, און ער איז מקריב תמידין ומוספין.

אין **פרשת אמור** אין **ייטב לב** ברענגט ער עס.

[און] איך האָב געהערט די מעשה פון טאַטן **זכרונו לברכה** מער באריכות[כג].

אָבער ס׳איז געדרוקט דאָרט אין **ייטב לב פרשת אמור**[כד], אַז ער האָט עס געהערט פון **ישמח משה**, [שסיפר כי] ער האָט עס אַליין געזען.

---

[כב] אולי הכוונה לדברי הספרי בפרשת פינחס (המובא לקמן בהערה נו) דפינחס [זה אליהו] הוא ״עומד ומכפר״ עד שיחיו המתים.

או אולי הכוונה לדברי המדרש רבה פרשת תצוה (לח, א) שמפרשו הייטב דלהלן על ענין זה, ושעל זה גם כן קאי הפסוק לְעוֹלָם ה׳ דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם, הנזכר לעיל. [ובייטב לב דלהלן מביא מקורו מדברי הרמ״ע מפאנו בעשרה מאמרות (אם כל חי, ח״ג סימן כג), וגם שם כתב הלשון ״ואמרו״ עליו שהוא מקריב תמידין בבית המקדש אע״פ שהוא שָׁמֵם].

[כג] וז״ל רבינו בענין זה בסעודת מוצאי יום כיפור תש״כ: דער זיידע זכרונו לברכה אין ייטב לב ברענגט דאָך, ער האָט געהערט פונעם ישמח משה, ווי ער האָט געזען עין בעין, [דער ענין וואָס] ס׳שטייט דאָך אַז אליהו איז מקריב תמידין, ער האָט געזען עין בעין – אין פרשת אמור (עה״פ צו את בנ״י) ברענגט ער עס – ער האָט געזען עין בעין [ווי] אליהו איז מלובש, ער שטייט מלובש בבגדי כהונה און ער איז מקריב תמידין ומוספין.

[והייטב לב בספרו] ער ברענגט נאָר בקיצור די מעשה. [אבל] ס׳איז געווען די מעשה, ער האָט אַמאָל געזאָגט, אינמיטן שמונה עשרה איז אים איינגעפאַלן, ס׳איז אַ יומא דשוקא געווען, האָט ער געטראַכט, אליהו שכיח בשוקא (עיין בהערה נא דלהלן), ער קויפט תמידין ומוספין. האָט ער אינזין געהאַט פאַרוואָס איז אים דאָס היצט איינגעפאַלן אינמיטן די שמונה עשרה, האָט ער פאַרשטאַנען אַז ס׳איז אַן עת רצון ער זאָל עס זען, האָט ער מתפלל געווען, און ער האָט עס געזען, אַזוי דערציילט ער.

דער זיידע זכרונו לברכה דער ייטב לב איז נאָך געווען דעמאָלטס אַ קינד געווען. האָט ער געפרעגט: זיידע! וויאַזוי האָסטו געקאָנט קוקן אינמיטן די ״שמונה עשרה״? – מ׳טאָר דאָך נישט לכתחילה אויפמאַכן די אויגן. – האָט ער אים געענטפערט: דו מיינסט טאַקע אַז מיט ׳די אויגן׳ האָב איך דאָס געזען? דאָס זעט מען מיט די ״עֵינֵי הַשֵּׂכֶל״. צו דעם ברויך מען גאָרנישט האָבן ׳די אויגן׳ דערצו, מ׳ברויך די אויגן נישט. האָט ער שוין פאַרשטאַנען [הייטב לב בילדותו].

[כד] בייטב לב פרשת אמור (עה״פ צו את בנ״י, בתוך הדברים): בהקדם לפרש המדרש רבה (תצוה לח, א) על הפסוק (תצוה כט, א) וְזֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה לָהֶם לְקַדֵּשׁ אֹתָם לְכַהֵן לִי, הדא הוא דכתיב לעולם ה׳ דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם ...

אבל הענין, כי כתיב וְזֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה לָהֶם לְקַדֵּשׁ אֹתָם לְכַהֵן לִי לְקַח פַּר וגו׳, עד סוף הפרשה, הרי נתחנך אהרן ובניו לקדושה על ידי עבודת הקרבנות שעשה משה ומלא את ידם, אחר זה החלו הכהנים לעבוד עבודתן, ואם כן סלקא דעתך אמינא כי קדושת הכהנים הוא דוקא על ידי שהכהנים עבודתן במקום הקודש, על ידי זה ממשיכין עליהם קדושה יתירה משל ישראל, **אבל עתה בעוה״ר כי שָׁמֵם בית מקדשנו ואין כהן בעבודתנו אם כן איננו במעמדו ובטלה קדושתו חלילה**, לזה צותה התורה (פינחס כה, יג) וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם, אשר על כן נאמר לדורות (אמור כא, א) לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא, וּקְדֹשִׁים יִהְיוּ (שם, ו).

וטעם הדבר הזה הוא על פי דאיתא במדרש פרשת בהעלתך (טו, ו) כי הנשיאים הקריבו קרבנם לחנוכת המזבח ואהרן לא הקריב, והיה אומר אוי לי כו׳, אמר הקב״ה למשה, אמור לאהרן לִגְדוֹלָה מזו אתה מתוקן, הקרבנות כל זמן שבית המקדש קיים הם נוהגים, אבל הנרות לעולם קיימים, שנאמר (בהעלותך ח, ב) אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת. והוא תמוה, דהא לאחר חורבן בית המקדש הנרות בטלים. ופירש האלשי״ך שם (ח, ג), כי אמרו חז״ל (במדבר רבה יב, יב) בעת הוקם המשכן למטה הוקם המשכן שלמעלה, והוא משכן מט״ט שבו מיכאל עומד ומקריב נפשותיהם של צדיקים לכפר על ישראל בגלותן. ואם כן ממנו נשמע כי כשהדליק אהרן את הנרות למטה, הודלקו למעלה. והנרות שלמעלה אין צריך להדליקן יום יום, כי אם מהיום ההוא נשארו דולקים לעד לעולם, נמצא שרושם ההדלקה ההוא עומד אפילו אחר החורבן, שאם נחרב משכן שלמטה, לא נחרב שלמעלה, כמבואר במדרש הנ״ל כי מיכאל עומד עודנו ומקריב בו נפשותיהם של צדיקים לכפר על ישראל ׳בגלותן׳. וזהו שאמרו כי קרבנות הנשיאים לחנוכת המזבח אין רשומן ניכר לעד לעולם למעלה, אבל הנרות היינו שלמעלה לעולם קיימים, עד כאן דבריו [של האלשיך] המתוקים מדבש.

KolSatmar.com

כח

און דער **דברי חיים** האָט אַמאָל געזאָגט **ביים סֵדֶר**, ווען ער האָט גענומען דעם אפיקומן אין די הענט, האָט ער געזאָגט:

**אליהו** איז מקריב **תמידין ומוספין**, - ער האָט טאַקע דאָס אויך מזכיר געווען [את דברי הישמח משה], **דער אוּהֶעל'ער רב** האָט ער געזאָגט האָט עס געזען. - נו איז ער דאָך מקריב [אויך] **אַ קרבן פסח.**

נו וויאַזוי איז ער מקיים **"אכילת" פסחים**, וויאַזוי עסט מען. [והלא הפסח צריך לישחט "לאוכליו" ולמנויו, ואם אין אוכלין הפסח אין הקרבן כשר].

**נאָר ער ברענגט, פון די פסחים ברענגט ער פאַר די צַדִיקֵי הַדוֹר, די כְּזֵיתִים**[כה].

[כאן נענה אחד מן הרבנים המסובים: ביים רבי ר' מענדל'ע איז עס געווען. ועל זה נענה רבינו: פון רבי ר' מענדל'ע זאָגט מען אַזוי? איך האָב עס גאָרנישט געהערט זאָגן פון רבי ר' מענדל'עס נאָמען].

כט

האָט ער געזאָגט:

עטס וועטס מיינען ס'איז אַ **דמיון**? - אַזוי האָט דער **דברי חיים** געזאָגט. - ס'איז נישט קיין דמיון, נאָר טאַקע ער ברענגט זיי **אַ שטיקל פלייש אין מויל.**

און אַזוי ווי ער האָט עס דאָרט דערציילט, האָט ער אָנגעהויבן עסן **דעם אפיקומן מיט אַזאַ חיות**, אַז די אַלע וואָס זענען מסובין געווען דעמאָלטס דאָרט [נדמה להם כאילו אוכל מבשר הפסח][כו].

---

ומזה נקח להבין ולהשכיל, כי כל מה שעשה **"אהרן" בעבודתו**, קרבנות המזבח, והדלקת הנרות, והנפת העומר ושתי לחם, וסידור לחם הפנים, **נעשה דוגמתן במשכן שלמעלה, ונשארו קיימים לעד**. על כן שילם לו ה' כמעשהו, ונמשך ממנו קדושה לכהנים גם אלאחר חורבן בית המקדש ובגלות החל הזה.

וזה שאמר המדרש על הפסוק **וְזֶה הַדָּבָר וגו' לְכַהֵן לִי**, - ידוע (תנחומא תרומה, ג) כל מקום שנאמר "לִי" הוא קיים לעולמי עולמים, - הדא הוא דכתיב **לְעוֹלָם ה' דְּבָרְךָ**, והטעם, כי עודנו **נִצָּב בַּשָּׁמָיִם**, כלומר אם למטה נחרב, שלמעלה קיים, ובו מיכאל עומד ומקריב קרבנות ונפשות, **ופינחס מזרע אהרן הוא אליהו עודנו מקריב תמידין כסדרן בכל יום**, כמבואר **בעשרה מאמרות להרמ"ע** (מאמר אם כל חי, ח"ג סימן כג) וכו'.

**ומקובלני** ממורי זקני זלה"ה בעל המחבר ספר **ישמח משה** ותשובת השיב משה, כי פעם אחת אחר שסיים תפלת שמונה עשרה, עלה בלבו להתפלל לראות הדבר הנ"ל האמור **בעשרה מאמרות**, ועם לבבו אמר אולי קַיְּמָא לִי שַׁעְתָּא ואזכה לראותו, ותיכף התפלל על זה. ומילא ה' שאלתו, **וראה עין בעין את אליהו מלובש בבגדי כהונה עומד ומקריב התמיד כסדרו**. - **ודבריו הללו נודעו לרבים.**

אם כן הדבור לקדש אהרן ובניו, **נצב בשמים** לזרעו אחריו ברית כהונת עולם, לכך נאמר **וְזֶה הַדָּבָר וגו' לְכַהֵן "לִי"**. וכבר כתבנו מעין זה במקומו (ייטב לב פרשת תצוה, ד"ה ובזה).

[כה] וז"ל רבינו בסעודת מוצאי יום כיפור תשי"ח: **דער הייליגער דברי חיים האָט אַמאָל געזאָגט, אליהו איז מקריב דעס קרבן פסח**, איי ס'מוז זיין אֲכִילַת בְּעָלִים, ער טראָגט עס פאַר די צדיקים, **פאַר די צדיקי הדור**, און זיי עסן דעס כזית, **מ'ברענגט זיי אַלע דערפון.**

[כו] מלשון הגדה של פסח מהר"י ט"ב (בפיסקא מעשה ברבי אליעזר) **שהביא שם רבינו עובדא זו.**

ועיין עובדא כזו בשינויים, בהגדה של פסח **דברי חיים** (אצל "צפון") וז"ל: **פעם אחת אחר אפיקומן אמר רבינו** [הדברי חיים] **בזה הלשון ממש:**

הנה סיפר לי מה שכתב בעשרה מאמרות, [דאיתא במשנה] (ערכין ב, ה) אֵין פּוֹחֲתִין מִשִּׁשָּׁה טְלָאִים הַמְבֻקָּרִין [בְּלִשְׁכַּת הַטְּלָאִים] במקדש, וואו זענען די שִׁשָּׁה טְלָאִים אַהין געקומען ווען דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן בעוה"ר. מען האָט זיי גענומען לְמִדְבָּר, און אליהו קונה נקיבות ביומא דשוקא, והם פרים ורבים, ומכאן אליהו מקריב כל יום שני קרבנות, אחד בבוקר ואחד בערב. האָט הרב ז"ל מאוהעל מתפלל געווען שרוצה לראות בעיני בשר, והראה לו הקב"ה כאשר אליהו עומד ומקריב וכו', כמו כן כל פסח אליהו מקריב קרבן פסח און ברענגט צו כל צדיקי הדור אַ שטיקל פֶּסַח [כי המה המנויים]. אף מיר זענען נישט אין ארץ ישראל אין ירושלים, ברענגט אליהו אוירא דארץ ישראל ואוירא דירושלים, און מען זיצט אין ארץ ישראל און מען עסט פונעם קרבן פסח. די וואָס זענען נישט דערביי [אַז] אליהו זאָל זיי ברענגן, נאָר זיי האַלטן זיך אין צדיקי הדור און גלייבן אַז צדיקים עסן, איז אַזוי ווי זיי וואָלטן אַליין געגעסן. עטס וועטס מיינען ברוחניות, טאַקע בגשמיות, אַ שטיק

KolSatmar.com

– זיי האָבן געמיינט קודם [שכוונת הדברי חיים היה לומר] **ער טראָגט עס פאַר ראָפּשיצער רב,** [אבל אח״כ ראו שהיה כוונתו גם על עצמו]. –

**ל**

**נו** [אַז] **ער איז מקריב אַ קרבן פסח און ער טראָגט** [עס] **פאַר די צדיקים, נו אַז ער איז מקריב אַלע קרבנות, און פונקט** [קרבנות] **יום כיפור** [זאָל מען זאָגן] **איז ער נישט מקריב?**

**לא**

[וגם הוא מביא שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ, כי] **לעולם יום כיפור איז דאָך** [נאמר בה] **״חֻקָּה״**[כז]**,** [ללמד שכל הכתוב בה מעכב בה][כח]**, ס׳טאָר דאָך נישט פעלן איין קרבן פונעם אַנדערן, ס׳איז דאָך מעכב** [זה את זה]**. די אַלע עבודות וואָס זענען מיט בגדי לבן זענען דאָך מעכבין זה את זה, ווייל ס׳שטייט ״חֻקָּה״.**

**ס׳קאָן נישט זיין דער פַּר אָנעם** [שָׂעִיר] **שֶׁל שֵׁם, און דעם שָׂעִיר לַה׳ קען מען נישט מקריב זיין אָנעם שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ.**

**ס׳שטייט** (אחרי טז, י) **יָעֳמַד חַי, זאָגט דאָך דאָרטן די גמרא** (יומא מ: וסד:)[כט] **פון אַ דְרַשׁ, אַז טאָמער איז גאָר נישטאָ קיין שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ** [עומד חי] **טאָר מען נישט מקריב זיין דעם שֶׁל שֵׁם.**

**איינער אָנעם אַנדערן, פעלט דאָך** [כל סדר העבודה]**.**

**אַז ס׳איז נישט געווען קיין שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ, איז יִשָּׁפֵךְ הַדָּם.** [אָדער אַז ס׳איז געווען] **נִשְׁפַּךְ הַדָּם, איז יָמוּת דער שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ**[ל]**.** [ווייל] **ער מוז האָבן דעם שָׂעִיר שֶׁל שֵׁם.**

**לב**

**נו פונקט יום הקדוש** [הָכִי נימא שלא יקריב אליהו קרבנות היום]**.**

[אלא מאי] **פאַרשטייט זיך** [אַז] **ער איז עס מקריב. ס׳איז נישט קיין שום ספק.**

[און] **אַז ער איז מקריב די קרבנות, מוז ער דאָך ברענגען אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ.**

[ונמצא] **איז דאָך** [יאָ] **דאָ אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ** [גם בזמן הזה]**.**

**לג**

**מילא דעמאָלטס ביי פסחים מוז מען זוכן אַזעלעכע צדיקי הדור** [שראויים לזה]**.**

**נו ווער ווייסט צי ער טרעפט ׳בעיקבא דמשיחא׳ אַזעלעכע צדיקים** [וואָס] **ער זאָל זיי ברענגען.**

---

קרבן פסח. מען האָט מיר פאַרציילט, דער רבי ר׳ זושא ז״ל איז געווען אין אַ שול, האָט מען אים פאַרשלאָסן, ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער געזאָגט וועט זושא פאַסטן. איז געקומען דער מלאך מיכאל, האָט אים געברענגט אַ שטיק פיש פון לִוְיָתָן און יַיִן הַמְּשֻׁמָּר, האָט דער רבי ר׳ איציקל [מלובלין] געזאָגט, אַז עס איז טאַקע געווען רעכטער יַיִן און איין רעכט שטיק פיש. אַזוי אויך צו די היינטיגע צדיק הדור ברענגט מען איין רעכט שטיק קרבן פסח. איי מיר זענען טמאין מתים, טומאה נדחה בציבור. מיר זענען אין ירושלים און עסן מיר, און די וואָס גלייבן איז אַזוי ווי זיי וואָלטן געגעסן.

[כז] דכתיב (אחרי טז, לד): **וְהָיְתָה זֹּאת לָכֶם לְחֻקַּת עוֹלָם לְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִכָּל חַטֹּאתָם אַחַת בַּשָּׁנָה.**

[כח] כמבואר **בגמרא זבחים** (מ.) **ומנחות** (יט. וכז.).

[כט] **בגמרא.**

[ל] **במשנה דיומא** (סב.): שְׁנֵי שְׂעִירֵי יוֹם הַכִּפּוּרִים, מִצְוָתָן שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵיהֶן שָׁוִין בְּמַרְאֶה וּבְקוֹמָה וּבְדָמִים וּבִלְקִיחָתָן כְּאֶחָד וכו׳. מֵת אֶחָד מֵהֶן, אִם עַד שֶׁלֹּא הִגְרִיל מֵת, יִקַּח זוּג לַשֵּׁנִי. וְאִם מִשֶּׁהִגְרִיל מֵת, יָבִיא זוּג אַחֵר וְיַגְרִיל עֲלֵיהֶם בַּתְּחִלָּה וכו׳, וְהַשֵּׁנִי יִרְעֶה עַד שֶׁיִּסְתָּאֵב, וְיִמָּכֵר וְיִפְּלוּ דָמָיו לִנְדָבָה, שֶׁאֵין חַטַּאת צִבּוּר מֵתָה. רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר, תָּמוּת. וְעוֹד אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, נִשְׁפַּךְ הַדָּם, יָמוּת הַמִּשְׁתַּלֵּחַ. מֵת הַמִּשְׁתַּלֵּחַ, יִשָּׁפֵךְ הַדָּם:

KolSatmar.com

אָבער דער **שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ** איז דאָך פאַר אַ דורון פאַרן ס״מ [שלא יקטרג על ישראל].
אַז דאָס איז דער דורון פאַר׳ן ס״מ, קען ער די מתנה אין ׳דעם דור׳ אויכעט [קריגן],
דעס איז קיין שום ספק נישט. [ווייל] ׳אים׳ טרעפט מען אַלעמאָל [גם בדור השפל].

נו ממילא, נו ער קאָן זיך אַן עֵצָה געבן [אליהו הנביא, האיך לעשות שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ].

**לד**

[ואף כשחל יום כיפור בשבת[לא], הלא] **ביים שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ, אויף דעם שטייט דאָך**[לב] **״עִתִּי״, אפילו בשבת** קען מען דאַרט אַהין גיין [אף חוץ לתחום].
איבערהויפּט [למאן דאמר] **אֵין תחומין למעלה מיו״ד** (עירובין מג).

נאָר מ׳מעג דאָך גיין חוץ לַתְּחוּם אויכעט[לג]. ס׳איז דאָך קיין שום שאלה נישט.

**לה**

ס׳איז אַ שאלה צי ער [אליהו] מעג קומען מְבַשֵּׂר זיין [הגאולה בשבת ויום טוב],
קלערט מען אַריין[לד] צי יש תחומין למעלה מיו״ד, [או אין תחומין].

אָבער ביים **שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ** שטייט דאָך אַרויס אין די גמרא אַז מ׳מעג אויף דעם מחלל שבת זיין, [ואמרו שם הלשון] **הֻכְשְׁרוּ בְּכַךְ**[לה], אַז מ׳מעג.

**לו**

איבערהויפּט ס׳איז דאָך אַ חילוק.

[ווייל] **דעמאָלטס** [בעת בשורת הגאולה] **שטייט**[לו] ער וועט קומען **בלבוש בני אדם**[לז].

---

[לא] כמו שחל הקביעות אז בשנת תשי״ד.

[לב] **בפרשת אחרי** (טז, כא): **וְנָתַן אֹתָם עַל רֹאשׁ הַשָּׂעִיר, וְשִׁלַּח בְּיַד אִישׁ ״עִתִּי״ הַמִּדְבָּרָה.**

**ובגמרא יומא** (דף סו): תנו רבנן, אִישׁ להכשיר את הזר, עִתִּי שיהא מזומן, **עִתִּי ואפילו בשבת, עִתִּי ואפילו** בטומאה וכו׳. עִתִּי ואפילו בשבת למאי הלכתא, אמר רב ששת לומר שאם היה חולה מרכיבו על כתפו וכו׳.

[לג] כמבואר **במשנה וגמרא דיומא** (סז.).

[לד] **בגמרא עירובין** (דף מג): בעי רב חנניא, יש תחומין למעלה מעשרה, או אין תחומין למעלה מעשרה וכו׳. תא שמע, הריני נזיר ביום שבן דוד בא מותר לשתות יין בשבתות ובימים טובים [דודאי לא אתי משיח האידנא], ואסור לשתות יין כל ימות החול [דילמא אתי]. אי אמרת בשלמא יש תחומין, היינו דבשבתות ובימים טובים מותר, אלא אי אמרת אין תחומין, בשבתות ובימים טובים אמאי מותר, שאני התם דאמר קרא הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה׳ וגו׳ [לפני ביאת בן דוד יבא אליהו לְבַשֵּׂר], והא לא אתא אליהו מאתמול. אי הכי בחול כל יומא ויומא נמי לישתרי, דהא לא אתא אליהו מאתמול, אלא אמרינן לבית דין הגדול אתא, הכא נמי לימא לבית דין הגדול אתא. כבר מובטח להן לישראל שאין אליהו בא לא בערבי שבתות ולא בערבי ימים טובים, מפני הטורח [שמניחין צרכי שבת והולכין להקביל פניו]. קא סלקא דעתך מדאליהו לא אתא, משיח נמי לא אתי, במעלי שבתא לישתרי, אליהו לא אתי משיח אתי, דכיון דאתי משיח הכל עבדים הן לישראל [ואין לישראל טורח, דאיכא דטרח להון].

בחד בשבא לישתרי [דודאי לא אתי משיח היום, דהא אתמול בשבת לא אתא אליהו], **לפשוט מינה דאין תחומין** [דמדקאסר ליה, ליפשוט דחייש לדילמא אתא אליהו ואין תחומין למעלה מעשרה], **דאי יש תחומין בחד בשבא לישתרי, דלא אתא אליהו בשבת. האי תנא ספוקי מספקא ליה אי יש תחומין או אין תחומין, ולחומרא.** [מהא לא תיפשוט דאין תחומין, דדילמא ספוקי מספקא ליה להאי תנא, דדילמא אין תחומין ומשום הכי אסר בחד בשבא, ולחומרא. אבל מפשט לא פשיטא ליה, דתילף התירא מיניה].

[לה] **בגמרא כריתות** (יד.): תניא **וְשִׁלַּח בְּיַד אִישׁ עִתִּי וכו׳ ואפילו בשבת. אמר רפרם, זאת אומרת עירוב והוצאה לשבת ואין עירוב והוצאה ליום הכפורים** [פירש״י: דאם יש איסור הוצאה ליום כיפור אמאי איצטריך לרבויי שבת, הא דחי יוה״כ והוא הדין לשבת. ומשני הגמרא] **ממאי, שאני שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ דהכשירו ביום הכפורים בכך** [מיום הכיפורים לא שמעינן לשבת, דיום הכיפורים שאני, דהֻכְשַׁר מִצְוָתוֹ בכך דומיא דתמידין שקריבין בשבת].

[לו] בשו״ת **חתם סופר** (חלק ו סימן צח) [ומביאו רבינו בכ״מ] **שמבאר שם הסוגיא דתחומין למעלה מעשרה, ובתוך הדברים** (ד״ה ת״ש) כתב וז״ל: **פשיטא לחכמז״ל** (עירובין מג) **דאין אליהו יכול לבוא אלא מחוץ לתחום, והמובן הפשוט דהא מִשָּׁמַיִם לָאָרֶץ מהלך ת״ק שנה** (חגיגה יג:) **וכו׳, וזה צריך עיון, דהרי כתב תוספות** (עירובין סה: ד״ה לימא) **דלא שייך שביתה ותחומין מלמעלה למטה. ותו דהרי נהגו עלמא בְּמִילָה לאמור זֶה כִּסֵּא שֶׁל אֵלִיָּהוּ זָכוּר**

KolSatmar.com

[אָבער] היינט [בעבודת יום כיפור] קען ער דאָך קומען אַזוי ווי ער קומט [תמיד], **מיט דעם לבוש פון אַ ׳מַלְאָךְ׳**[לח]. קען ער דאָך אַודאי קומען [אף חוץ לתחום].

**לז**

**הקדמה ג׳ לישוב הקושיות (באופן שלישי)**

**על כל פנים אַז ער איז מקריב קרבנות, איז דאָך דאָ אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ.**

**נו איז דאָך קיין שום ספק נישט אַז ס׳איז דאָ אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ** [גם בזמן הזה, ע״י אליהו הנביא].

**לח**

**איי דער רמב״ם ברענגט נישט** [שגם בזמן הזה השעיר המשתלח מכפר על הכל] **?**

**ס׳איז ידוע אַז דער רמב״ם ברענגט נאָר דעם וואָס ס׳איז מבואר** [להדיא] **אין די גמרא.**

[והגם כי] **׳אַמאָל׳ ברענגט ער עס** [אף דבר שאין מבואר בגמרא].

**אָבער על כל פנים דעם וואָס מ׳ברענגט זיך** [כמה פעמים] **אַ ראיה פונעם רמב״ם,** [כי] **אַז ער איז משמיט אַ זאַך איז עס נישט קיין הלכה, איז נאָר אַז ער איז משמיט אַ זאַך וואָס ס׳איז מבואר אין די גמרא.** [אָבער] **טאָמער איז עס נישט מבואר אין די גמרא, איז נישט קיין ראיה** [ממה שלא הביאו הרמב״ם] **אַז ער האַלט עס נישט, וואָרן אַסאַך זאַכן לאָזט ער אַרויס, און כאָטשיג ער האַלט עס,** [וויבאַלד] **אַז ס׳איז נישט מבואר אין די גמרא.**

**ווי זיי ברענגן דעם כלל אַזוי**[לט].

---

לְטוֹב, וגם מתפללים המוהלים שיעמוד אליהו על ימינם לסמכם, וזה אומרים אותו אפילו בשבת, ולשמעתין הרי אי אפשר לבוא בשבת וכו׳. ובטור ושלחן ערוך (או״ח סימן רצה) איתא דמשום הכי מזכיר פיוטים שיש בהם אליהו במוצאי שבת, משום שלא היה אפשר לו לבוא לא בערב שבת ולא בשבת מפני תחומין וכו׳, ותיקשי לכ״ע ממנהגנו בברית מילה בשבת ויו״ט.

אבל **האמת** יורה דרכו כי מעולם לא עלה אליה **בגופו** למעלה מיו״ד טפחים, אך נפרדה נשמתו מגופו שם, והנשמה עולה ומשמש למעלה בין מלאכי השרת, וגופו נתדקדק וְשׁוֹרֶה בגן עדן התחתון בעולם הזה. **וביום הבשורה במהרה בימינו תתלבש נשמתו בגוף הקדוש הלז, ואז הוא ככל אדם מחכמי ונביאי ישראל,** והוא מוסמך מרבו אחיה השילוני, או ממשה רבינו ע״ה אם הוא פנחס, **והוא יסמוך את חכמי ישראל, ואז יש לו דין ככל בני ישראל.** וכן בכל פעם שמתגלה ומתראה בעולם הזה **מלובש בגופו הזך.**

אך כשמתגלה **בנשמתו** כמו ביום המילה, אז איננו מחויב במצות, בַּמֵּתִים חָפְשִׁי כתיב (תהלים פח, ו. עי׳ שבת ל.). ועוד שיורד ממעלה למטה, לא שייך שם תחומין. וכשמתגלה על אופן זה הרי הוא מַלְאָךְ, אף על פי שלומד תורה ומגלה דינים, אין לקבוע הלכה על פי דבריו, דהוה ליה רק כמו חלום ורוח נבואה, ואין משגיחין בבת קול (בבא מציעא נט:). אך כשמתגלה **בלבוש גופו** הרי הוא **מגדולי חכמי ישראל,** ותשבי יתרץ קושיות ואיבעיות, ואֵלָיו תִּשְׁמָעוּן (דברים יח, טו), כי מי כמוה מורה.

[לז] ולכן אמרו בגמרא דאי אפשר לו לבוא מחוץ לתחום.

[לח] אשר בלבוש זה הוא פטור מן המצות, כמבואר בדברי החתם סופר.

[לט] עיין **ביד מלאכי** (כללי הרמב״ם, אות ב) וז״ל: **הדבר ידוע שהרמב״ם ושאר מחברי ספרים, רובם ככולם אינם אלא מעתיקי הגמרא, ולזה דבר שלא בא בגמרא אלא בקושיא אגב גררא, אין דרכם להעתיקו. פרי חדש** יורה דעה סימן פ״ג סוף ס״ק ז׳. ועיין עוד **במים חיים** שלו דף ל״ג ד׳, **ובמשנה למלך** פרק ח״י מהלכות מעשה הקרבנות, **ובית יוסף** יורה דעה סימן קצ״ו, **וב״ח** יורה דעה סימן מ״ח סעיף ח׳, וסימן רי״ז סעיף י״א. **וכן כתב משפטי שמואל** סימן צ״א, **שהרמב״ם אינו כותב בספרו אלא מה שמבואר בגמרא.** וכן מצאתי **בשו״ת זרע אברהם** חלק יורה דעה סימן ל״ד דף קכ״ט ד׳, **דמלאכת הרב ז״ל אינה אלא להעתיק הדברים הנאמרים בש״ס, לא לדחות פשט דברי הש״ס.** ועיין עוד **סדר אליהו רבא וזוטא** דף מ״ז ג׳ שכתב דלהכי קרא שמו **משנה תורה** וכו׳ עיין שם. ומצאתי **להכנסת הגדולה** באבן העזר סימן קנ״ט הגהות הבית יוסף אות י״ט שכתב דזה אינו, שהרי בכמה מקומות מביא מה שנאמר בגמרא על צד הדיוק או ברמז, עיין שם. [וכוונתו שהכנסת הגדולה חולק על דברי הפרי חדש שאינו מביא דברים שהם רק בדרך קושיא, אבל בעצם הדין כולם מודים בזה, והבן].

**לט**

**על כל פנים האָב מיר דאָך אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ.**

**נו אַז ס'איז טאַקע דאָ אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ, איז דאָך עס מְכַפֵּר אַלדינגס, הערט זיך אויף** [ענין הד' חילוקי כפרה].

**ברויך מען נישט אָנקומען, נישט צו קיין ״יִסּוּרִים״, און נישט צו קיין ״יוֹם הַמִּיתָה״.**

[שהרי] **ס'איז דאָך דאָ אויף אַלעם אַ שָׂעִיר.**

**מ**

**וואָרן אַז ס'איז דאָ אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ, איז דאָך אַזוי די הלכה** [כדמוכח ברמב״ם]**, אַז די אַלע ד' חילוקי כפרה איז נאָר ווען ס'איז נישטאָ קיין שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ,** [וכגון ווען] **מ'איז געווען אַן אונס** [בזמן שבית המקדש קיים, שאז היו צריכין להקריב בפועל בארץ, און] **מ'האָט נישט געהאַט, צי וואָס.**

**אָבער אַצינדערט, אַז אליהו איז מקריב, איז נאָך בעסער** [ווי בזמן המקדש. שהרי] **ביים בית שני איז געווען דער כהן גדול** [מי שהקריב קרבנות היום]**, און ס'האָט זיך געטראָפן כהנים גדולים וואָס זענען געוואָרן פאַר געלט**[מ]**, און זיי האָבן נישט מוֹצִיא שְׁנָתוֹ געווען**[מא]**. און דאָ האָב איך אַ כהן גדול** [צדיק וקדוש כאליהו הנביא] **אָן געלט, איז דאָך בעסער ..**

**פון דעם איז בעסער אַן אֱמֶת'דיגער כהן גדול,** [אֵלִיָּהוּ] **כַּהֲנָא רַבָּא**[מב]**.**

**מא**

**נו איז דאָך דאָ אַ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ.**

**מב**

**ישוב קושיא ב (באופן שלישי)**

**היצט לאָמיר זען.**

**דעס טַעֲנֶה'ט מען** [בתפלת נעילה]**, מ'זאָל** [אונז] **מְקַבֵּל זיין בתשובה שלימה, מ'זאָל אָננעמען די תשובה.**

**מג**

[והנה] **דער חילוק איז דאָס,** [בין זמן המקדש לזמן הזה]**.**

---

[מ] כמבואר **בגמרא יומא** (יח.). שאמרו שם במשנה, מסרו לו זקנים מזקני בית דין וקורין לפניו בסדר היום, ואומרים לו אישי כהן גדול קְרָא אתה בפיך שמא שָׁכַחְתָּ או שמא לא לָמַדְתָּ וכו'. ועל זה אמרו בגמרא: בשלמא שָׁכַח, אלא שמא לא לָמַד, מי מוקמינן כי האי גוונא. והתניא, וְהַכֹּהֵן הַגָּדוֹל מֵאֶחָיו (אמור כא, י), שיהא גדול מאחיו בְּכֹחַ בְּנוֹי בחכמה ובעושר, אחרים אומרים מנין שאם אין לו שאחיו הכהנים מגדלין אותו, תלמוד לומר והכהן הגדול מאחיו, גדלהו משל אחיו. אמר רב יוסף לא קשיא, כאן במקדש ראשון כאן במקדש שני, דאמר רב אסי, תַּרְקְבָא דְדִינָרֵי עיילא ליה מרתא בת בייתוס לינאי מלכא עד דאוקמיה ליהושע בן גמלא בכהני רַבְרְבֵי. [פירש״י: מרתא בת בייתוס אלמנה עשירה היתה, וְקִידְשָׁהּ יהושע בן גמלא, ונתנה ממון לינאי המלך ומינהו להיות כהן גדול: תרקבא. חצי סאה, תרי קב].

[מא] כמבואר **בגמרא יומא** (ט.): אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן, מאי דכתיב (משלי י, כז) יִרְאַת ה' תּוֹסִיף יָמִים וּשְׁנוֹת רְשָׁעִים תִּקְצֹרְנָה, יִרְאַת ה' תּוֹסִיף יָמִים זה מקדש **ראשון**, שעמד ארבע מאות ועשר שנים, ולא שמשו בו אלא שמונה עשר כהנים גדולים. וּשְׁנוֹת רְשָׁעִים תִּקְצֹרְנָה זה מקדש שני, שעמד ארבע מאות ועשרים שנה, ושמשו בו יותר משלש מאות כהנים, צא מהם ארבעים שנה ששמש שמעון הצדיק, ושמונים ששמש יוחנן כהן גדול, עשר ששמש ישמעאל בן פאבי, ואמרי לה אחת עשרה ששמש רבי אלעזר בן חרסום, מכאן ואילך צא וחשוב, כל אחד ואחד לא הוציא שנתו.

[מב] **מלשון התרגום יונתן** (וארא ו, יח. פקודי מ, י).

KolSatmar.com

דערפריער, לעולם מיינט מען דאָך [אַז] דער שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ [שמכפר, זה מיירי רק] בזמן שבית המקדש קיים, איז געווען קרבנות, ס׳איז געווען די אַלע, די אַלע וידויים איז געווען [ובתוכם הוידוי על הַשָּׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ]. אָבער דאָס האָט זיך ׳אויפגעהערט׳, ביז דער אייבירשטער וועט העלפן ס׳וועט זיין דער בנין בית השלישי.

[אבל לדרכינו] אַז אליהו איז ׳כסדר׳ מקריב, איז דאָך ׳אֵין קֵץ׳.

מד

אַ ״קֵץ״ הייסט דאָך נאָר אַזאַ זאַך וואָס ס׳איז דאָ דערינען אַ קֵץ. אָדער דער ׳ערשטער׳ עק, אָדער דער ׳לעצטער׳ עק[מג]. אַ זאַך וואָס האָט אַן ״עק״, איז לשון קֵץ.

[וכאן] אַז דעס, לויט דעם אַז ׳ער׳ איז מקריב קרבנות [בשמים בתמידיות], האָט דאָך עס נישט קיין ״עק״, ס׳איז דאָך ׳כסדר׳.

וואָרן אַזוי ווי ס׳איז, דעס ציט זיך דאָך כסדר.

און ווען דער אייבירשטער וועט העלפן ווען ס׳וועט זיין די גאולה, מילא וועט מען דאָך ווייטער, וועט מען דאָך אַוודאי מקריב זיין. [נאָר] אפילו אַצינדערט ׳בחורבנה׳, הערט זיך [עס] נישט אויף.

מה

און אַז ׳דאָס׳ איז דאָ כסדר, ממילא דאַרף שוין תְּשׁוּבָה מיט יוֹם כִּיפּוּר פּוֹעֵל׳ן אויף ״אַלדינגס״.

מו

הקדמה לישוב קושיא א (לפי אופן השלישי)

איבערדעם זאָגט מען ביי תפילת נעילה [לְמַעַן דְּבָרְךָ ״אֲשֶׁר אָמַרְתָּ״]. (ההמשך באות נב)

מז

[דהנה] דעס לעולם [מה שאין זה ׳פסוק׳, אין זה קושיא].

[ווי] איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט, [אויף דעם וואָס] ס׳שטייט אין מדרש פרשת עקב (תנחומא סימן א), דוד המלך האָט געזאָגט, [רבונו של עולם] אֵינִי מתיירא מן החמורות, אלא מן הקלות שאדם דש בעקביו, ״ואתה אמרת״ הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה.

פרעגט דער **כלי יקר** (ריש פרשת עקב), וואָס הייסט ״ואתה אמרת״, כאילו ער ברענגט פון אַ **פסוק** [שנאמר בה] הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה. [דלשון כזה] דאָס איז נאָר שייך אויף אַ **פסוק**.

[און] ער נייט זיך [בכלי יקר לפרש בדוחק] וויאַזוי ס׳איז ׳געדרינגען׳ פונעם **פסוק** [וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן].

מח

נאָר מיר דאַכט זיך, ס׳איז נישט קיין קשיא, פון אַ מאמר חכמינו ז״ל אַז ער האָט געזאָגט [דערויף] ״ואתה אמרת״, אַז דוד המלך האָט געזאָגט [דערויף אַזוי].

מט

[דהנה] מ׳האָט זיי איבערגעגעבן אַלדינגס, זיי האָבן דאָך געזען [כל] מה שתלמיד ותיק עתיד [לחדש]. אין **תורה שבעל פה** האָט מען דאָך ׳אַלעס געזאָגט׳.

אין **תורה שבכתב** איז טאַקע נאָר ׳דעס׳ [הפסוקים לבד], אָבער אין **תורה שבעל פה**

---

[מג] כמבואר בדעת זקנים לבעלי התוספות (ריש פרשת ׳מקץ׳), ובאבן עזרא (משפטים כא, ב, שלח יג, כה), ועוד ראשונים.

KolSatmar.com

**ליגט דאָך אפילו דקדוקי סופרים**[מד]**, און כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש**[מה]**. און די** [יחידי סגולה] **וואָס זיי האָבן משיג געווען תורה שבעל פה** [כולה]**, די האָבן דאָס טאַקע געוואוסט.**

**און בעל פה האָט דאָך הקדוש ברוך הוא ׳געזאָגט׳ דעס** [אויך]**, דאָס אַלעס איז שוין פון ׳פריער׳ געזאָגט געוואָרן** [למשה בהר סיני. נאָר] **׳שפּעטער׳ ווערט נתגלה פאַר ׳די וועלט׳,** [דעס] **וואָס השם יתברך האָט שוין געזאָגט ׳פריער׳.**

## נ

**איבערדעם איז זייער גוט שייך** [הלשון] **״ואתה אמרת״ הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה.** [ווייל] **דוד המלך**[מו] **האָט זיך שוין ׳פאַררופן׳ אויף דעם וואָס ער האָט געוואוסט** [אַז] **השם יתברך האָט** [דאָס] **׳געזאָגט׳ אויפן באַרג סיני**[מז]**.**

## נא

**ישוב קושיא א (לפי אופן השלישי)**

**נו לויט וואָס מ׳טרעפט אין דברי חכמים, אַז אליהו איז מקריב תמידין, און** [לפי זה נמצא] **ס׳איז דאָ אַ שְׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ, איז דאָך עס אין קץ.**

**און ממילא ברויך תשובה** [עם יום הכיפורים] **נוצן אויף ״אַלדינגס״.**

**נאָר ״תשובה״ ברויך מען טון,** [כדי] **ס׳זאָל נִתְכַּפֵּר ווערן**[מח]**.**

---

[מד] כמבואר **בגמרא מגילה** (יט:) מאי דכתיב (עקב ט, י) וַעֲלֵיהֶם כְּכָל הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר ה׳ עִמָּכֶם בָּהָר. מלמד שהראהו הקב״ה למשה דקדוקי תורה **ודקדוקי סופרים.**

[מה] כמבואר **בקהלת רבה** עה״פ רְאֵה זֶה חָדָשׁ הוּא כְּבָר הָיָה לְעֹלָמִים (קהלת א, י): ללמדך שמקרא ומשנה הלכות תוספתות והגדות **ומה שתלמיד ותיק עתיד להורות**, כבר היה וניתן הלכה למשה מסיני, מנין ממה שכתוב (שם) יש דבר שיאמר ראה זה חדש הוא, והרי חבירו מוכיח עליו כבר היה לעולמים וכו׳, שמעת תורה מפי תלמיד חכם, יהי בעיניך כאלו שמעוה אזניך מהר סיני. [וכן הוא בויקרא רבה (כב, א)].

[מו] אף שהיה עוד קודם חתימת המשנה, שבימי רבינו הקדוש.

[מז] ועיין זה גם בס״ג **עקב תשט״ז** (קושיא ג-ה) וזל״ק: דער מדרש זאָגט, די בעלי התוספות ברענגט [עס] דאָ (ריש פרשת עקב), און אין מדרש (תנחומא) שטייט אויך אַזוי, ברענגט ער [וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן, זה] מצות קלות שאדם דש בעקביו, וואָס רש״י זאָגט (שם), דוד המלך האָט געזאָגט [לָמָּה אִירָא בִּימֵי רָע] עֲוֹן עֲקֵבַי יְסוּבֵּנִי, [אמר דוד, רבונו של עולם] איני מתיירא מן החמורות, [ווייל] ער האָט [עס] נישט עובר געווען, נאָר איך האָב מורא מן הקלות שמא בזיתי אותם, טאָמער האָט ער [עס] מבזה געווען [=געהאַלטן פאַר גרינג], איבערדעם האָט ער געזאָגט, איך פאַרכט מיך פון די קלות, [ולזה ביקש] גַּם עַבְדְּךָ נִזְהָר בָּהֶם בְּשָׁמְרָם ״עֵקֶב״ רָב, שנאמר (תהלים לא) מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ [זהו שכרן של מצות קלות] ...

דער מדרש [תנחומא אַליין] זאָגט אַזוי, איני מתיירא מן החמורות אלא מן הקלות וכו׳ **ואתה אמרת הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה.** זעט אויס ער מיינט [פְּשַׁט בלשון בשמרם ״עקב״ רב], ווייל ס׳איז אַ גרינגע זאַך [בעיני אדם]. דאָס טרעטן מיט די פיס מיינט נישט דוקא די דריסת הרגלים, נאָר ווייל ס׳איז גרינג [בעיניו] ...

דער **כלי יקר** שטעלט זיך אויפן אויספיר [סיום דברי המדרש, שאמרו כי] דוד המלך האָט געזאָגט **״ואתה אמרת״ הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה,** פרעגט ער ס׳איז נישט קיין שום **פסוק** הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה, ס׳איז דאָך אַ **משנה** (אבות ב, א), [און] אַז דוד המלך האָט דאָס געזאָגט [בימיו], מוז דאָך [עס] זיין אַ **פסוק**, [ועל זה קשה] וואו איז דער פסוק. וויל ער זאָגן, ס׳איז געדרינגען פועם דקדוק פון **וְהָיָה ״עֵקֶב״** [תִּשְׁמְעוּן], פונעם דקדוק הלשון איז ער מדייק דאָס לשון [פון זהירות] מצוה קלה כבחמורה.

נאָר דער אמת, מיר דאַכט זיך גאָר אפילו [אַז] ס׳איז נישט קשה, וואָרן זיי האָבן דאָך אַלדינגס געוואוסט [ואפילו תורה שבעל פה] וכו׳, זיי האָבן דאָך [משיג געווען] אַלע מימרות [החכמים, און] אפילו כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש (ויקרא רבה כב, א), זיי האָבן דאָך אַלעס משיג געווען, [וכן] דוד המלך [השיג הכל] וכו׳. און דוד המלך האָט אַודאי געזען די מִשְׁנֶה׳ס, ער האָט דאָך אַלדינגס געזען פריערער, איז נישט קיין קשיא [מה שאמר] **ואתה אמרת** הוי זהיר וכו׳, ער האָט געמיינט טאַקע די משנה, [ווייל] ער האָט עס שוין דעמאָלטס געוואוסט, [ולזה אמר] ״דו האָסט געזאָגט״ הוי זהיר **במצוה קלה כבחמורה.**

[מח] כנפסק **ברמב״ם** (תשובה פרק א, ושגגות פרק ג). והוא כדעת החכמים שנחלקו על רבי בזה, כמבואר **בגמרא יומא** (פה: ופז:) **ושבועות** (יג.) **וכריתות** (ז.).

KolSatmar.com

מילא קאָן מען [ניצול ווערן] - דער אייבירשטער זאָל העלפן - מ׳זאָל קאָנען ניצול ווערן פון די אַלע זאַכן, פון יסורים, [און] פון די אַנדערע זאַכן.

**נב**

איבערדעם זאָגן מיר, **וּתְקַבְּלֵינוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה לְפָנֶיךָ, לְמַעַן דְּבָרֶיךָ אֲשֶׁר אָמַרְתָּ אֵין קֵץ לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ.** ווייל דאָס האָט נישט קיין עק און קיין סוף.

**וְאֵין מִסְפָּר,** מ׳קען דאָס נישט אָפּציילן.

ווייל ס׳איז **כִּימֵי הַשָּׁמַיִם עַל הָאָרֶץ**[מט] (עקב יא, כא), דעס ציט זיך פון דעמאָלטס אָן, פון אליהו הנביא אָן, פון דעמאָלטס אָן, וואָס ס׳איז מיט דעם כח פון **אליהו׳ן** וואָס ער קומט אַראָפּ [בעולם הזה]. (המשך עיקר הדרוש, באות נו)

**נג**

[שהרי אליהו הנביא] **ער איז דאָך שָׁכִיחַ אויף ׳דעם׳ עולם.**

**נאָר מ׳איז נישט זוכה אים צו זען, נאָר דער וואָס איז אַ ראוי** [לכך].

**יחידי סגולה די פריערדיגע, האָבן דאָס ״געזען״.**

**אָבער שְׁכִיחַ איז ער איז דאָך בעולם, בעולם הזה, יעדע וואָך** [במוצאי שבת][נ].

**נד**

פאַר **חכמינו ז״ל** האָט ער דאָך אַסאַך זאַכן מְגַלֶּה געווען. [ווי] מ׳טרעפט דאָך אין די **גמרא**[נא] ער איז ׳שכיח׳, **אליהו איז שָׁכִיחַ בְּשׁוּקָא.**

---

וכן פסק הרמ״א בשלחן ערוך (או״ח תרז, ו) וז״ל: **יום הכיפורים אינו מכפר אלא על השבים המאמינים בכפרתו, אבל המבעט בו ומחשב בלבו מה מועיל לי יום כיפור זה, אינו מכפר לו.**

[מט] **עיין בגמרא סנהדרין** (צט.).

[נ] כמובא מצדיקים שנתגלה להם אליהו הנביא בכל מוצאי שבת.

ועיין בהקדמת **הזיקוקין דנורא** (על תנא דבי אליהו) וז״ל: **שאמרתי בכל מוצאי שבת בכוונה גדולה ק״ל פעמים אליהו הנביא כנגד ק״ך צירופי אליהו, וק״ך צירופי הנבי״א עם עשר אותיות אליה״ו הנבי״א עולה ק״ל וכו׳, מרמז שכל אדם האומר ק״ל פעמים אליהו הנביא במוצאי שבת בכוונה, זוכה שניצוץ קדוש מן נשמת אליהו מאיר על נשמתו להבין רזי התורה.**

**ובמדרש תלפיות** (סוף ענף אליהו ואלישע): **כתיבת יד מצאתי בספרי אשכנז, שיש במדרש שפינחס שהוא אליהו שכתוב בו ויכפר על בני ישראל, שמכפר והולך עד תחית המתים** (עיין להלן בהערה נו), **דאליהו נכנס לקבל יסורין תחת כל וצדיק [מ]להיות נידון מעוונות השבוע, ובשביל כך רגילים להזכיר אליהו במוצאי שבת.**

ועיין **במהרי״ל** (מנהגים, הל׳ שבת): **מהר״ש אמר, מה שנוהגין לומר פסוקי דאליהו וזמירות המיוסדים על שמו במוצאי שבת, היינו משום דאיתא בתוס׳ דבמוצאי שבת יושב אליהו זכור לטוב תחת עץ החיים וכותב זכיותיהם של שומרי שבת.**

**ובמחזיק ברכה להחיד״א** (או״ח סימן רצט, קונטרס אחרון אות א): **המנהג להזכיר אליהו הנביא זכור לטוב** [במוצאי שבת], **ויש מי שאומר פסוקי אליהו. ועיין מה שכתב הרב החסיד בעל זקוקין דנורא בהקדמתו. וכתבו ז״ל דהטעם דאליהו זכור לטוב במוצאי שבת יושב תחת עץ החיים וכותב זכיות ישראל, וכמו שכתבתי לפנים סימן תצ״א. ועיין מה שכתב הרב אליהו רבה לעין בסימן רצ״ה ס״ק ט׳. ועיין עוד טעם שכתבתי לפנים סימן תר״א בס״ד.**

ועיין עוד **בויקרא רבה** (לד, ח): **לשעבר היה אדם עושה מצוה והנביא כותבה, ועכשיו אדם עושה מצוה מי כותבה, אליהו ומלך המשיח, והקב״ה חותם על ידיהם, כההוא דכתיב** (מלאכי ג, טז) **אז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו ויקשב ה׳ וישמע ויכתב וגו׳.**

ועיין עוד **בלשון הסדר עולם** (פרק יז): **בשנה השנית לאחזיה נגנז אליהו, ולא נראה עד שיבא מלך המשיח, ונראה ונגנז שניה, ואינו נראה עד שיבוא גוג ומגוג. ועכשיו הוא כותב מעשה כל הדורות כולם.**

[נא] **בגמרא תענית** (כב.): **רבי ברוקא חוזאה הוה שכיח בשוקא דבי לפט, הוה שכיח אליהו גביה.**

**ובגמרא בבא מציעא** (פה:): **אמר רב חביבא, אשתעי לי רב חביבא בר סורמקי, חזי ליה ההוא מרבנן דהוה שכיח אליהו גביה ... אליהו הוה שכיח במתיבתא דרבי וכו׳.**

נה

איבערהויפּט [כשחל סוף יום הכיפורים] **מוצאי שבת**[נב], איז דאָך דאָס פאַרבינדן [כל מוצ"ש עם ביאת אליהו הנביא] .. קומט אויס לכאורה [אַז] **ביי נעילה**[נג] איז [שוין] טאַקע אַזוי ווי **מוצאי שבת**[נד].

נו

נו פאַסט דאָס זייער גוט טאַקע, וואָס מ'זאָג מיר **וּתְקַבְּלֵינוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה לְפָנֶיךָ כְּאִשִּׁים וּכְנִיחוֹחִים, לְמַעַן דְּבָרֶיךָ אֲשֶׁר אָמַרְתָּ אֵין קֵץ לְאִשֵּׁי חוֹבוֹתֵינוּ וְאֵין מִסְפָּר לְנִיחוֹחֵי אַשְׁמָתֵינוּ**, ס'האָט נישט קיין עק ס'האָט נישט קיין מספר.

זאָגט מען אפשר ברמז, אַז דאָס האָט נישט קיין "עק", אַז דאָס איז אַ **תמידיות, די אַלע קרבנות פון אליהו'ן**.

נז

אויף **אליהו הנביא** שטייט דאָך[נה] אַז ער זאָגט [הֲרֵינִי] **כַּפָּרַת כָּל יִשְׂרָאֵל** זאָגט ער דאָך כסדר.

ער איז **מְכַפֵּר** אויף אידן[נו], [און] ער ברענגט די אַלע קרבנות.

איבערהויפּט היצט אין אַזאַ הייליגן טאָג.

נח

## ברכת הקודש

דער אייבירשטער זאָל העלפן:

מ'זאָל מיר טאַקע די זכיה האָבן **לשנת גאולה וישועה**.

אונז זאָל מיר זוכה זיין צו זען בקרב דעם **מְבַשֵּׂר**.

**אִישׁ פָּקִיד עַל כָּל בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת, אִישׁ צִיר נֶאֱמָן לְהָשִׁיב לֵב בָּנִים עַל אָבוֹת**[נז].

מ'זאָל מיר טאַקע זוכה זיין [אַז] טאַקע אין 'דעם יאָר' זאָל זיין **וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם** (מלאכי ג, כד).

מ'זאָל מיר זוכה זיין צו זען מתוך נחת ושמחה די **בשורה טובה**.

[הָרַחֲמָן] **הוּא יִשְׁלַח לָנוּ אֶת אֵלִיָּהוּ וִיבַשֶּׂר לָנוּ 'בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת' יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת**[נח].

מיט אַ **שנת גאולה וישועה**.

**שנת התגלות כבוד שמים עלינו**.

**במהרה בימינו אמן**.

---

[נב] כמו בשנה זו (שנת תשי"ד) שחל מוצאי יום הכיפורים במוצאי שבת.

[נג] כשהגענו לפיסקא זו בחזרת הש"ץ וכבר היה לאחר צאת הכוכבים. (כן נראה לכאורה הכוונה).

[נד] דאף שעדיין הוא זמן תוספת של יום הכיפורים, ויש בו קדושת יום הכיפורים. אבל בשביל זה לא נגרע מעלת מוצאי שבת, שאליהו הנביא שכיח אז בעולם הזה.

[נה] כנזכר לשון זה בדברי אליהו הנביא **שבתנא דבי אליהו** (פרק ה, יח, לא) כשמדבר מבני ישראל.

[נו] וכמבואר בספרי פרשת פינחס בפסוק תחת אשר קנא לאלקיו **"ויכפר" על בני ישראל**, וז"ל: 'לכפר' [ונוסח הילקוט שמעוני: 'וכפר'] על בני ישראל, לא נאמר כאן, אלא "ויכפר" על בני ישראל, **שעד עכשיו לא זז, אלא 'עומד ומכפר' עד שיחיו המתים**.

[נז] מלשון הזמירות למוצאי שבת.

[נח] מנוסח ברכת המזון.